STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03745

IN A GUTER SHO

Isak Borisov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אי. באָרוכאָוויטש

אין א גוטער שאָ

אָ ג י ז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס" מאָסקווע 1947

מיליען דער איינציקער

װען יוגנט גייט אין שלאכט

באנאכט

אין נאכט אָן שטערן און אָן פײַער,
ווען ס׳זעט דער טויט ניט, ווער דער ייִנגסטער איז,
דו ווערסט מיר הונדערט מאָל מער טײַער
און נאָענט, ווי א שפּיז צו שפּיז,

און ווי דאָס שײַטערל, וואָס גליט צופוסנס,
און ווי די בלייכע צייכנס פון קאיאָר.
ווען דו וואָלסט קענען שיקן מיר א גרוס איצט,
א לינדן ווינט פון דײַנע האָר,

א טראָפּן ווארעמקײַט פון דײַנע הענט,
איך וואָלט איצט אײַנגעשלאָפן יונג און מיד
און ס׳וואָלט א גאָלד׳נער כאָלעם מיך געהיט
אפ גרינעם אויסגעריבענעם ברעזענט.

אָנהייב אטאקע

ווענ ס׳האָט געפּלאצט די שטילקייט, ווי אינ פּראָסט
די ערשטע בלויע טעלערלעכ פונ אייז,
האָט א ראקעטע זיכ געטאָנ א ווייז,
ווי אינ דער האנט א גליִענדיקער קאָס.

אונ פונ די טיפע שוצגראָבנס אינ שניי,
ווו אויסגעווארעמט האָט מענ זיכ א נעסט
אונ בא דעמ טויט געגאנוועט א מעסלעס, —
האָט אויפגעהויבנ זיכ א שווארצע ריי.

א פייער האָט געפרעסנ שטיקער נאכט
אונ אש געשאָטנ אפנ וויסטנ וועג,
וואָס קיינער האָט פונ לעבנ זיינער געפרעגט, —
דאָס לעבנ אזוי קורצ האָט זיכ געדאכט.

נאָר ס׳איז דאָס פעלד פאר אונדזער אָטעמ-צוג
געוועזנ ברייט. פונ קאלטנ ווינט, פונ שווייס,

פונ אייגנ בלוט איז אונדז געוואָרנ הייס,
אונ, דאכט זיכ, איינ פאָר הענט איז ניט גענוג.

אונ ליכטיק איז געוואָרנ מיטאמאָל
אינ שייַנ פונ שפּיז,
אונ הילכיקער דאָס קאָל,
אונ מיר זייַנענ אדורכ דעמ טאָל.

דאָס פערד

עס האָט דאָס פערד אין פעלד זיך אָפּגעשטעלט.
ווער ווייסט, פאר וואָס א פערד קען האָבן מוירע?
עס האָט אים עפּשער אָפּגעשטעלט די קעלט,
וואָס ווערט אין ווייַטן שטערן-לאנד געבוירן?

און עפּשער האָט עס זיך דערמאָנט אין גרינס —
אין בלויען שניי א הייעלע געפונען,
און ס'האָט זיך אים א כאָלעם אויסגעשפּינט
פון פויגל-נעסט אין שטאַל,
פון עמער איבער ברונעם.

איך בין געזעסן אינעם זאָטל שטיל —
דאָס פערד פארגעסן זאָל אין שארפע שפּאָרן;
האָט עס פארשטאנען, מיך געהוידעט מילד
א גאנצע נאכט
און מידער ניט געוואָרן.

ווען יוגנט גייט אין שלאכט

ווען יוגנט גייט אין שלאכט — דאן ווערן עלטער מאמעס,
ווען יוגנט קומט פון שלאכט — ווערט יוגנט אלט.
איך האָב עס מיטן אייגן לײַב פארשטאנען,
ווען אויך באם פײַער איז געווען אים קאלט.

אין סקירדעס היי איז שוין פארשארט דער זומער,
און דיקע מײַז זיך נעסטיקן אין ווארעמס,
און מיר זײַנען אין הארבסט ארײַנגעקומען,
געגראָבן זיך אין ערד מיט פינגער דארע,

די גראָבע וואָרצלען מיט די ציין געריסן —
עס זאָל דער אקסל טיפער זיך פארקלײַבן.
ס׳פלעגט בלײַבן שטיין אין האלדז דער ביסן,
ווען קעסלעך פלעגן איבעריקע בלײַבן.

און ס׳האָט דער דאָן געאָטעמט הינטער פלייצעס —
ער האָט פון דעק זײַנעם געוואָלט אוועקגיין,
צו ווײַסע קאלך-גריבער, צו שטילע ווייצן
געריסן זיך נאָך אונדז פון זײַנע ברעגן.

און מיר האָבן בא וווּגדן זיך געשוואָרן:
פֿאַרפֿלאַנצן זיך אָט דאָ, ווי שטײַפֿע לאָזעס.
אין רוסלאַנד האָבן מאַמעס אונדז געבאָרן,
אוקרײַנער ערד מיר זאָלן ניט פֿאַרלאָזן.

מיר זײַנענ געגאנגענ

מיר האָבנ דאָס לעבנ צעטיילט אפ פריוואלנ.
ס'איז קיִעוו געפאלנ, אונ כארקאָוו געפאלנ.

אינ סקירדעס, ווו רעגנ פארבלײַבט אפ מעסלעסנ,
מיר האָבנ אלצ נײַע אדרעסנ פארגעסנ.

דער הארבסט האָט די וועגנ פארשווענקט אינ די גריבער —
מיר זײַנענ די ליימיקע גריבער אריבער

אונ ווידער געגאנגענ, געגאנגענ, געגאנגענ,
אונ אונטער די פיס איז דער גרונט זיכ צעגאנגענ.

דער שלאָפ האָט געיאָגט זיכ נאָכ אונדז, ווי א רײַטער,
אונ האָט אונדז אינ פינצטערע ראָוונ געשלײַדערט.

אונ ס'האָבנ זיכ לײַבער אינ לײַבער געשניטנ,
אונ פערד פלעגנ בלײַבנ פארכאלעשט אינמיטנ.

מיר זײַנענ געגאנגענ, געגאנגענ, געגאנגענ,
אונ, יונגע, מיר וואָלטנ אינ עלטער פארגאנגענ,

ווענ ניט אָט די קאַרגע, די קורצע פּריוואַלנ.
אונ שטיינ בלײַבנ — וואָלט שוינ געהייסנ פּאַרפאַלנ.

דורכ דערפֿלעכ אונ שטעטלעכ — פּאַרוואָרלאָזט, פּאַריאָסעמט —
געגאַנגענ, אונ ס'האָט אַלצ דער רעגנ געגאָסנ.

ס'איז קיִעוו איִנ אומגליק, ס'איז כאַרקאָוו איִנ נידער,
נאָר ס'האָט איִנעמ האַרצנ דער גלויבנ געגליט דאָרט:

מיר וועלנ נאָכ ווידער זיכ קערנ, אוקראַיִנע,
דורכ ליכטיקנ רעגנ צו ראַכוועסנ דײַנע.

רידנא אוקראַינא

רידנא אוקראַינא!
רידנא אוקראַינא!
כ׳קען דיך,
ווי א וואסערל,
אין יעדער טיפ געפינען;
כ׳קען דיך
נאָך מײַן בענקעניש
אפ אויסנווייניק ליבן;
ווארעמסט מיך מיט פויגל-נעסטן
אין א טאָג א טריבן;
ס׳איז נאָך אין מײַן לונגען-לאנד
דײַן ווינטעלע פארבליבן.

רידנא אוקראַינא!
רידנא אוקראַינא!
כ׳האָב דיר אין א שווערן זומער
אָנגעהויבן דינען;
כ׳האָב זיך,
ווי א שארפע ראָד,

פאַרקריצט אַפ דײַנע װעגן;
מיט װי מײַנעם
און װי דײַנעם —
װי אַ קינד —
געלעגן;
און, גייענדיק צום פֿײַער-ראַנד,
געװאַקסן אין דײַן רעגן.

רידנאַ אוקראַינאַ!
רידנאַ אוקראַינאַ!
כ׳האָב געזען מײַן ברויט מײַן שװאַרצס
אַפ דײַנע פעלדער גרינע;
כ׳בין צוקאָפּנס בּאַ דײַן גוינס
געשטאַנען װי אַ היטער;
און ליב איז מיר געװען די גאָב:
אין שטאַרקסטן פון געװיטער,
װען ס׳איז דאָס האַרץ דאָס אייגענע
אַ שפּליטער אַ צעגליטער,
אין שמעקנדיקער ערדן-טיפ
דורך װוּנדן אויסצורינען,
רידנאַ אוקראַינאַ!
רידנאַ אוקראַינאַ!

פארבײַגייענדיק

זאָג מיר, באַלעבאָסטע,
כ׳זאָל באַם הויז ניט שטיין,
וועלכע אויגן האָסטו —
גוטע אָדער ניין?

ס׳איז דײַן לאָד א שווערע,
און די טיר פארמאַכט,
ווילסט מיסטאָמ ניט הערן,
ווען מע קלאַפּט באַנאַכט?

איך בין גאָרניט אויסן —
איין זאַך ווילט זיך מיר:
אָט דעם האַרבסט-אינדרויסן
לאָזן הינטער טיר,

וועל איך ווערן ייִנגער
ווי פון אַלטן ווײַן,
און דעם ראַנעצ גרינגער
טראָגן וועט מיר זײַן.

כ׳בין א רויטארמייער,
און איך גיי פארבײַ,
בעט איך בא דיר זייער:
הײַנט א מאמע זײַ.

מיר וועלן זיך קערן

ניט נאָכן אויסשיט פון שטערן-באווײַזערס —
מיט פינגער מיר פלעגן די וועגן דערטאפן,
מיר פלעגן די קניִעס אין פניאָקעס צעקלאפן,
אזוי ווי די קריִעס אין בריקן, ווען אײַז גייט.

אָ, ווינטן, דערציילט ניט מײַן אלטינקער מאמען,
ניט טרײַבט אָן קיין וואָלקנדלעך איבער מײַן נאכעס,
ניט אײַלט זיך פארשטעלן די וועגן לעהאכעס
פאר די, וועלכע ווילן צום שלאכט ניט פארזאמען.

אָ, טויען, אָ, פיצעלעך פרישער פרימאָרגן,
ניט מישט זיך מיט אונדזערע מאנצבלשע טרערן —
פון זיי וועלן אויסשפריצן הונדערטער שטערן,
און אויסלעשן וועלן זיי טויזנטער זאָרגן.

ווער זאָגט עס, אז אויסגעווייט איז אונדזער געווערע?
איר פרעגט אף די וועגן בא שטיינער און גראָזן:
מיר האָבן דאָס בלוט פאר א מאשקן געלאָזן,
מיר זאָל זיך קערן אף אונדזערע שפורן.

אפֿן שנייִקן פֿעלד

1

ער פּאַטשט אין די ליפּן, דער שניי, און ער וואָרגט,
ער וויל, איך זאָל ווערן א שנייִקער באַרג.

וואָס ווייסן די גרייַפּעלעך שניי אײנעם ווינט,
אַז כ'וויל א סאָלדאַט כ'בין א מאַמעס א קינד.

פֿאַרקראָכן דער בלײַ ביז אין בלוט אַרײַן טיף —
און ס'האָט זיך דאָס בלוט אַפֿן ראַנעץ צעטריפֿט,

אָט באַלד—און ס'צערינען זיך ייִנגלשע יאָר.
מיר דאַכט, אַז דאָס קאָל איז ניט מײַנס שוין און גאָר.

אַז ערגעץ א צווייטער, וואָס לעבט און וואָס זעט,
רופֿט מיטן אָטעם-צוג א לאַזאַרעט,

ווי וואַרעמע שויבן פֿאַרהאַלטן דעם שניי,
דעם רוקן באַהאַלטן מע קען דאָרט פֿון ווײ.

פונ ברוסט ביז דער פלייצע — א שטיקעלע בינט
ניט לאָזנ וועט דורכגיינ דעמ שטעכיקנ ווינט.

דורכ גאנצענעמ לעבנ אדורכ איז די קויל,
דאָס קאָל פונעמ גאָרגל דערגייט ניט צומ מויל.

כאוויירימ, צי הערט איר דאָס לעצטע געשריי?
מיר דאכט: סע פארשיט עס, ס'פארלעשט עס א שניי.

כאוויירימ, אינ טויט צי אינ כאָלעמ איכ זע,
ווי ס'רוקט אפ מיר אָנ זיכ דער לאזארעט,

פונ אלע פיר זײַטנ, פונ הייכנ, פונ גרונטנ,
א שווארצער פונ אויבנ, א ווײַסער פונ אונטנ.

2

מיר דוכט זיכ נאָכ אלצ, אז ניט הי איז מײַנ לײַב —
א פײַנט וויל עס טייטנ, א פרײַנט וויל עס רעטנ,
דער וויכער פארמעקט עס, די פוסטקײַט צעטרעט עס,
אונ איכ בינ דער ווייטעק, וואָס לעבעדיק בלײַבט.

מיר דוכט, אז איכ בינ ביזנ האלדז נאָכ אינ שניי,
ביז איבערנ מויל אינעמ קאָלנער פארגראָבנ,
אונ ס'גראבלט די הויט מיר א ראָב פונ די ראָבנ,
וואָס שטייענ פונ רעכטס אונ פונ לינקס אינ א ריי.

אפ שרעקנ די פויגלענ, ווי נעמט מענ א שרעק?
א קאָל אינ די לונגענ וויל ווערנ געבאָרנ,

2*

און אָט איז אַ שליטן אין פּאָנעם פֿאַרפֿאָרן,
און ס'זײַנען די פֿויגלען דערשראָקן אַוועק.

און כ'ווייס ניט, דער וווּנדער געשען איז ווען —
פֿון שניי איז געוואָרן אַ לײַלעך אַ קלאָרער,
דער קאָפּ — ביז דעם נאַקעט פֿון שאַרבן געשאָרן,
און ס'ציטערט מײַן קאָל בײַ די וואַרעמע ווענט.

דאַן האָב איך דעם ווייטעק צום ערשטן דערקענט,
ווי ס'וואָלט זיך אַ ווונד אין אַ צווייטער פֿאַרקליבן;
און אויב איך בין דעמאָלט אין שניי ניט פֿאַרבליבן —
איך פֿיל ביז אַצינד נאָך אַ קעלט אין די הענט.

א נאכט באַם דניעפּער

מיר זײַנען זאלבעדריט געווען
און שטארבן זאלבעדריט
מיר האָבן יענע נאכט געקענט
אָט דאָרט, אין דניעפּער-מיט.

מיר זײַנען זאלבעדריט געווען,
געהאט געליבטע
דרײַ —
וואָס האָבן זיך פון הארץ געשעמט
ארויסגיין אף דער פרײַ.

און דאָך מיר האָבן איצט געוואכט
ווי זאלבעזעקסט די נאכט.
בא וועמענס טרוים,
האָב איך געטראכט,
וועט אויסברעכן די שלאכט?

די נאכט געווען איז שטאָק-געדיכט,
און שווארץ דער וואסער-וועג,

וואָס האָט,
ניט וויסנדיק,
מיט זיך
באַשיצט דעם סוינעס ברעג.

אַמאָל האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט
אַדורך דאָס גאַנצע לאַנד:
געטרוימט האָב איך דערגיין צופוס
צום ווײַטסטן, שענסטן ראַנד.

און איצטער, אין דער שווערער שעה,
איך ריר אָן מיט דער האַנט
דעם גליטשיקן פּאָנטאָן.
אָט דאָ
זיך ענדיקט הײַנט מײַן לאַנד?

ווען כ׳וואָלט מײַן לעבן־לענג געקענט
צעשפּרייטן אין דער ברייט —
ביז צווייטן ברעג,
כ׳וואָלט זיך געווענדט:
„כאַווײרים מײַנע, גייט!"

האָסט וועגן מיר דאַן ניט געטראַכט,
נאָר
ביזן מויל אין טויט
סאַפּיאָרן דרײַ האָבן באַנאַכט
צו דיר אַ בריק געבויט.

אָקטיאַבער 1943

צוואנציק יאָר

אהינטער וואנט — א ווינטער־לאנד,
א טיפער פראָסט, און ס'דוכט:
דאָס לעבן דארף זײַן צוויי מאָל לאנג,
קעדיי דעם פראָסט אדורכ.

אהינטער וואנט — איז שניי ביז קני,
און נעפל — ביזן האלדז,
אהינטער וואנט — איז ווי ניט הי,
ס'איז עפּעס הימלש אלץ.

אהינטער וואנט — א וועכטער שפּאנט,
און ס'ברענט אין זײַנע האָר
א ווײַסער פלאם, א ווינטער־בראנד,
און מיר ווערט צוואנציק יאָר.

צו אכצן יאָר בין איך אוועק
אין פײַער און אין פראָסט —
מיט זיך דעם פײַנט פארצוימט דעם וועג,
צו פרײַנט ניט צוגעלאָזט.

די, וועכטער, לאָז אהער ניט צו
דעם ווינט,
דעם פראָסט פארהאלט,
און שענק מיר איצט א נאכט פון רו,
איך זאָל ניט ווערן אלט.

א ווינטער-אָוונט הינטער וואנט,
און שניי איז ביז די קני.
איך וויים:
די צוואנציק יאָר
מיין לאנד
וועט דארפן אינדערפרי.

אכט מעסלעס

מיר זיצנ אינ וואלד שוינ דעמ אכטנ מעסלעס.
אינ מארט האָט זיכ פלוצעמ דער ווינטער צערעדט
אזוי ווי א בייזע אלמאָנע אינ געסט.
דער ווינט האָט די וואָלקנס געשמיסנ ווי גרעט.

טראנשייענ פארצאמט האָבנ דעמ האָריזאָנט,
דער מילכ-וועג געווענ איז דער איינציקער וועג.
עס האָט א פראָזשעקטאָר געוועקט אונ געמאָנט,
דעמ הימל מיט העלקייט מיט שארפער געזעגט.

דער שאָפער געבראכט האָט פונ אעראָדראָמ
א ביסל בענזינ אונ דעמ אויוונ געהייצט,
אונ פונ דער שטילקייט אינ טעלעפאָנ
דער ראדיסט איז געוואָרנ טויב אונ צערייצט.

מיר האָבנ גערופנ דעמ ווייטנ שטאב,
מיר האָבנ געבעטנ סנאריאדנ אונ ברויט.
צוויי גראנאטעס צו אופרייסנ דעמ אפאראט —
עס האָט מיר בעסאָד דער פאָלקאָווניק פארטרויט.

אכט נעכט האָט דער שלאָפ דאָ געמיטנ דעמ פּאָלק,
פונ לעבנ צו כאָלעמענ האָט זיכ געגלוסט.
ביזוואַנענ וועט שטומענ איינ לופט אונדזער קאָל?
פונוואַנענ וועט קומענ די הילפ — ניט געוווסט.

נאָר לעבנ, ווייזט אויס, איז געווענ אונדז באַשערט,
דער טויט איז געוואָרנ שוינ אויס באַלעבאָס —
דורכ צוויי־הונדערט־וויאָרסטיקער טיפקייט פונ פראָסט
מע האָט זי, די שטימ פונ מיינ ראַציע, דערהערט.

ביז סאמע פראָסקוראָוו א שנייענ־זאַוויי,
ווי א קינד, האָט געבעטנ זיכ אונטערנ פעלצ;
אינ א וואַרעמער שטוב, בא א קעסעלע טיי,
אפ די בערד האָבנ ליכטעלעכ איינ זיכ געשמעלצט.

אומשטערבלעכקייַט

אינ הארבסטיקנ טשערקאסער וואלד,
ווו בלעטער-פאל אונ ביימער-פאל,

ווו ס'פאלט א מענטש נאָכ יעדנ שאָס,
פאלט זעלטנ אויס א שטילע שאָ,

ווענ אויג אפ אויג אונ לייַב אינ לייַב
מיט דער אומשטערבלעכקייַט פארבלייַבט.

אפ טויזנטיאָריקייַט פונ טאָרפ
דו ליגסט אונ הערסט, ווי ס'טוט א שאָרכ

א נייַער וואָרצל אונטער דיר —
דאָס האָט דייַנ הארצ אימ אָנגערירט.

אונ טויענ זייַגענ נאָכ געדיכט,
אינ יעדנ טראָפנ זעסטו זיכ,

אונ צווישנ ווארעמקייַט פונ מויל
אונ קאלטנ ווינט גייט דורכ א קויל

ניט טייטן —
פּאַשעט אַפּ דער פרײַ
זײַנ ווידער בלויז א קײַקל בלײַ,

עס זאָל א מענטש אינ ווײַטסטער ווײַט
ניט וויסנ, אז ס'האָט טויט באַטײַט.

אָט גייט ארויס א פראָש געוואגט
אונ טוט א לעבעדיקנ קוואק,

אונ מאכט אנ אָרט זיך מיט א בלאָז,
אונ קילט דאָס בײַכל אינעם גראָז.

אונ ס'איז דעמ שוואכנ גראָז ניט שווער —
עס ווערט נאָך נע'נטער צו דער ערד.

אינ הארבסטיקנ טשערקאסער וואלד,
ווו בלעטער-פאל אונ ביימער-פאל,

ניט ווארט אפּ יענער שאָ, סאָלדאט,
זי קומט דורך רער פונ אווטאָמאט.

די שיק דעמ טויט אינ הארצ פונ פײַנט —
אונ וועסט אומשטערבלעך ווערנ הײַנט.

געווידמעט די טאנקיסטן
פון גענעראל־פּאָלקאָווניק
ל י ע ל י ו ש ע נ ק אָ

אין מארש

עס זײַנען מאדאָנעס אפ פוילישע וועגן
אין וואָלקן און זון אונדז געגאנגענע אנטקעגן.

נאָר ווינטן זיך האָבן געשניטן דורך דראָטן
און האָבן מיט בלאָטיקע ווערסטן געדראָט אונדז.

אין קויט ביז די אײַזערנע קני זײַנען פלײַסיק
געקראָכן, געשווומען די „ט — פיר און דרײַסיק"[1],

און ס'האָט זיך געדאכט:
אפ די קרומע פארקערן
וועט אונטער די „איסן"[2] קיין ערד באלד ניט ווערן —

1 „ט — 34" (T — 34) — א מיטעלער טאנק, דער פּאָפּולערסטער טאנק פון דער סאָוועטישער ארמיי.

2 „איס" („ИС" — Иосиф Сталин) — א שווערער סאָוועטישער טאנק.

די אייגענע טיף וועט איר האַרטקייט פאַרשלינגען...
געבערענט אין מאַטאָרן עס האָבן די רינגען,

און אייל האָט געטשאַדעט — פאַרכאַלעשט צו ווערן —
ביז בליץ אין די אויגן, ביז נאַכט אין די טרערן.

נאָר ס'האָבן געדונערט די רויפעס:
„צום דניעסטער!"
די ווונדן געהיילט האָט דער רויפע:
„צום דניעסטער!"

און אייזן צעגליטער, און פולוועו פאַרפרעסטער,
עס האָבן געסאַפעט: „צום דניעסטער! צום דניעסטער!"

אַפ פוילישע שליאַכן, פון פריילינג צעשוועקטע,
געפירט האָט זיין טאַנקען־אַרמיי לעליושענקאָ.

דאָס באָכערל פון לאנצוט

ער איז געווען, ווי אַן אָטעם, פריש,
מיט פרילינג האָט געררושט זײַן העמדל,
ווען ער האָט זיך געפּאָרעט בײַ דעם טיש
און אָנבײַסן געגרייט פאַר זעלנער פרעמדע.

מיט האָניק האָט געשמעקט דער סיראָדאָי,
מיט גראָז אויסגעהאָדעוועט אין שאָטן,
און ס'האָט דאָס קריגעלע געווײנט מיט טוי:
ווי קען מען אים צעטיילן אַף אַ ראָטע?

מיר האָבן אים געהויבן אַף די הענט
דאָס באָכערל — אַ גרינגגינקס ווי אַ פויגל,
און ער האָט פאַר דער צאַרטקייט זיך פאַרשעמט,
מיט אַרבל אויסגעווישט די פולע אויגן.

די ביקס האָט ער אַ הייב געגעבן שווער,
ווי גלײַך מיט איר אַ וואַקס געטאָן צוזאַמען.
ס'האָט נאָך איינער באַקומען הײַנט געווער,
און ס'האָט פאַרבענקט זיך נאָך איין מאַמע.

פּוילן 1944.

מיר האָבנ געשוואָרנ

מיר האָבנ געשוואָרנ
בא אָפענע קוואָרימ,
ווו ס'האָבנ אינ אנגסטלעכנ וויי זיכ פארפלאָנטערט
די קינדערשע קעפּלעכ — די שווארצע, די בלאָנדע,
די פּיסלעכ, וואָס האָבנ נאָכ ווייניק געטראָטנ,
בא לייַבער צעהאנגענ אפ שטעכיקע דראָטנ.

מיר האָבנ געשוואָרנ
בא צאָפּנ אונ דאָרעמ,
בא מייַרעוו, אינ העלישער סרייפע צעברענטנ,
בא מיזרעכ, וואָס האָט זיכ צו מייַרעוו דערגנע'נטערט,
בא פויגלענ, אינמיטנ פונ פליִענ פארברענטע,
באמ אייגענעמ פייַנ אונ בא טרערנ פונ פרעמדע.

מיר האָבנ געשוואָרנ,
זאָל זייַנ אונדזער מישפּעט גערעכט ווי דער צאָרנ
אפ הונדערטער יאָרנ,
אפ טויזנטער יאָרנ.

דער בעכער איז פול ווי אנ אויג

דער בעכער איז פול ווי אנ אויג,
אונ דאָס אויג קענ שוינ פולער ניט ווערנ.
אינ בעכער, פארהויבענעמ הויכ,
איכ ווייס ניט צי ווײַנ איז צי טרערנ.

כ'זאָל טרינקענ פאר דײַנ געזונט,
פאר דײַנע פארכאלעשטע ליפנ?
ס'איז פינצטער געוואָרנ די זונ,
נאָר דו ביסט מיר לויכטנ געבליבנ.

כ'זאָל טרינקענ פאר אונדזערע פרײַנט?
פאר זאנגענ, וואָס וואקסנ געראָטנ?
איכ טרינק פארנ פאסיקל שײַנ,
וואָס פאלט בא דײַנ שמאָלינקנ שאָטנ.

אונ דו, ווי א בלעטל אינ הארבסט,
דו ליגסט אפ די קויטיקע גראָזנ.
די קויל אינ דײַנ טײַערנ הארצ —
זי האָט מײַנ ראכמאָנעס צעשאָסנ.

ס'וועט אופגיין די ליכטיקע זון
דורכן הארץ, דורך די פעלדער מיט קאָרן,
ס'וועט באַצאָלן דער פײַנט פאר דעם זון,
וואָס דו האָסט געדארפט ערשט געבאָרן.

בערלין ניט ווײַט אין

ס'איז ענג אין אָדער
די בלוטן הייסע:
שווין הינטער — אָדער,
שווין הינטער — נייסע [1].

בא פרעמדן וואסער,
אפ פרעמדע ברעגן
ביז ביין געוואשן
פון פרילינג-רעגן,

פארפרעסט דעם ווייטעק
אין פינגער-קלעמען,
מיר שטייען גרייטע
נעקאָמע נעמען —

פאר מאמעס ליפן,
פון פײַן פארכאלעשט,

1 א טײַך אין דײַטשלאנד.

פאר שוועסטער ליבע,
פאר טויטע קאלעס,

פאר נעכט אָנ פײַער,
פאר טעג אינ פײַער,
פאר אלצ, וואָס טײַער
איז אומגעהייער.

דאָס הארצ מײַנס פאָדערט,
געקאָמע — צײַטיק,
שווינ הינטער — אָדער,
בערלינ — ניט ווײַט איז.

שטיינאו אפנ אָדער. אפרעל 1945.

מײַן נעקאָמע איז גערעכט

ניט שרעק זיך, אויב כ'וועל קומען אַלט;
די ליפּן—שמייכלען אָפּגעווינט,
די אויגן—קלאָרע פון געוויין,
און ס'וועט מײַן הארץ אין ווי פארגיין,
ווײַל טײַער, ליב איז מיר מײַן היים,
דײַן בליק, דײַן לאַכן, דו אליין.

און זאָל זיך דיר ניט דאַכטן פרעמד,
וואָס שווערע זײַנען מײַנע הענט,
וואָס טונקל איז מײַן זעלנער-העמד, —
עס האָט זיך לאַנגע יאָר געשווענקט
אין בלוט, אין שווייס, וואָס קילט און ברית,
און האָט מײַן ייִנגליש לײַב פארהיט.

איך וועל זיך זעצן מיד און שטיל
און נאָכשפּירן, ווי אַפּבן דיל
אַ זונען-העזעלע זיך שפּילט.
אויך אָט דאָס העזל דיר געהערט,
און כאָטש עס שפּרינגט דאָ הין און הער, —
צוריק אין אויג דײַנעם זיך קערט.

וועסט עפּשער פרעגן מיך: פאַרוואָס
אַפּ שלייפן ליגט א גרויער פראָסט?
זאָל זײַן דיר ליכטיק דער פאַרדראָס!
דאָס האָבן טויזנט וויסטע נעכט
מיט רויך, מיט פײַער, מיט געפעכט
א גוטן סימען מיר געלאָזט,
אַז מײַן נעקאָמע איז גערעכט.

דעמ פרײַנט פונ געטאָ

מײַנ פרײַנט, דערמאָנ זיכ,
אונ אויב מע דארפ—פארמאכ די אויגנ,
אונ ווידער בלאס אונ אופגערודערט ווער,
ווי דעמאָלט, ווענ דו האָסט אראָפגעצויגנ
פונ זיכ דײַנ שאנד-קלייד, קומענדיק אהער.

דו האָסט דערציילט: דאָס גראָז אינ פעלד
ביז סאמע וואָרצל איז געווענ פארוויסט;
וואָלסט דורכ, ווי א געשריי, די גאָרע וועלט,
נאָר דראָט פארצאמט האָט דײַנע פיס.

אינ צימערל, וואָס ענג איז פאר א הוסט,
ווו ווענט האָבנ פאר שפיגל-שײַנ געשעמט זיכ
מיט מוטערס ווײַס-אנטבלויזטער ברוסט,
מע האָט דײַנ שוועסטערקע געשענדעט.

א דײַטש דײַנ פאָטער האָט דערשטיקט,
מיט שווערע שיכ באטראָטנ זײַנע ברעמענ,
אונ ניט געוועזנ, ווער עס זאָל זײַנ קרעכצ פארנעמענ.
נאָר מיכ זײַנ ווײַ אינ פײַער האָט געשיקט.

און גרינג איז אונטער מיר געווען די ערד,
כ'האָב ווייניק נאכט געהאט און שווערן טאָג — א סאך,
ס'איז יאָרנלאנג געווען באשערט,
דער הימל זאָל מיר זײַן א דאך.

און לאנג אין הארצן בריען וועט דער האס,
און ס'וועט די פרײַנטשאפט דינען אונדז געטרײַ.
ווען ס'וויינט א זעלנער, וויינט מען ניט דערבײַ —
דאן פלאצן שטיינער אף דער גאס.

אינ א דײַטשנ בירהויז

אינ בירהויז איז געדיכט די לופט
פונ גלעזער-קלאנג, פונ רעגנ-דופט,
פונ רויכ, וואָס טאפּט די סטעליע בלינד.
כ'בינ דורכ די שוועל, ווי דורכ א זינד,
די טיר פארמאכט, אונ הינטער גלאָז
דעמ פרילינג שטיינ האָב איכ פארלאָזט.

כ'האָב קיינ גוט-מאָרגנ ניט געזאָגט
אונ זיכ אפּילע ניט געזאָרגט,
וואָס אויגנ האָבנ מיכ באטראכט
פונ אונטער ברעמענ מיט פארדאכט.

עס איז געוואָרנ מאָדנע שטיל,
פונקט ווי פארשלונגענ וואָלט דער דיל
דעמ טומל פונעמ פרילינג-טאָג,
אפּילע פונעמ הארצ דעמ שלאָג.

איכ האָב דערזענ:
אנ אלטער זיצט,

ס'איז גנייוויש-פרום זײַן יעדער זיפצ,
ער טוט פונ פענעצ ברויט א קניפ,
וואָס דינ איז ווי זײַנ קנייטש באמ ליפ,
ווי ער וואָלט אָפציִענ דעמ טויט
נאָר מיטנ רייעכ פונעמ ברויט.

אנטקעגנ אימ — א יונגע פּאָר:
דאָס פּאָנעמ טעמפּ, אונ בלאָנד די האָר,
א האנט זיכ צאפּלט אינ א האנט
ווי פיש, פארוואָרפנ אפנ זאמד.
אונ ס'איז, ווײַזט אויס, אימ היימיש-גוט
אינ לײַכטנ שאָטנ פונ איר הוט.

מײַנ שוועסטער האָט דאָכ אויכ געבענקט
נאָכ שטומער שפּיל פונ מענער-הענט,
נאָכ זיסנ ווײ פונ מוטער-פליכט,
נאָכ יענער אויסגעקלאָרטער ליכט,
וואָס לײַכט אזוי אינ פיצל בלוי
אינ אויג בא מײַנ געליבטער פרוי.

קיינ נאכעס האָט אויכ ניט באגליקט
מײַנ מאמענ, וואָס האָט אינ דער וויג
קיינ אייניקל נאָכ ניט געזענ
אונ ניט גענומענ אפ די הענט
אונ ניט געבענטשט אימ...
אָפּגעברענט
עס האָט איר לעבנ ווי א שטרוי...
אונ ס'ווערט מיר הייס אונ שווער אזוי.

עס האָט א שאָטן אפּ דער וואנט
א ריס געטאָן זיך נאָך מײַן האנט,
און ס׳האָט א מוירע אופגעפלאַמט
אין אויג באַם בלאָנדן יונגנמאַן,
און צו דעם אַלטן אונטער הויט
האָט באַלד פאַרקליבן זיך דער טויט.

נאָר ס׳האָט אין גלאָז געבּרויזט דער ביר
ווי פריילינג דאָרט, אַהינטער טיר.
און ס׳האָט א ווײַסער שוים געקוועלט:
פאַרפלייצן קען ער דאָך די וועלט,
ווען ניט דאָס גלאָז, וואָס אים פאַרשפּאַרט...

און ערגעץ איז איצט אָנהייב מאַרט,
און ס׳איז די ערד נאָך ביינִיק-האַרט,
און בינען-שנייעלעך געשווינד
פון בינשטאָק טרײַבּט אַרויס דער ווינט, —
א זעקסטל וועלט אין ווײַסקײַט זינקט.

און מאָסקווע שנײַדט זיך דורכן פראָסט
מיט קרעמל-שטערן.
ערגעץ לאָזט
איר נאַרטע א טונגוסן-פרוי —
א ווײַטן שטערן זיך פאַרטרויט.

ניין, ניט פאַרבײַטן וועט מײַן האַנט
די האַרבע שטראָף פון גאַנצן לאַנד.

נאָר אין מײַן האַרצן, אין מײַן לײַב,
מײַן פּײַן, פֿאַרבלײַב, מײַן צאַר פֿאַרבלײַב,
און דרינג אַרײַן אין בלוט און גלי —
איך זאָל ניט אָפּקילן צו פֿרי.

דײַטשלאַנד, מאַרט 1946.

אינ בודאפעשט

מיר האָבנ דאָ א נאכט פארבראכט
אונ ניט געקענט אנשלאָפנ ווערנ,
עס האָבנ אונדזער שלאָפ פארנארט
די פרעמדע אויסגערוטע שטערנ.

ס'קאָנ זײַנ, עס האָט די פרעמדע שטאָט
געוואָלט פאר אונדז איר בראָכ באווײַזנ
אונ אונדז פארלאנגזאמט יעדנ טראָט
מיט שלייפ פונ אויסגעדרייטנ אײַזנ.

אונ שווער האָט אָפגעזיפצט דער בריק
אונ ניט פארגינט די פרייד די ברעגנ,
ווענ דער דונײַ האָט זיכ געקוויקט
מיט וואסער פונעמ לעצטנ רעגנ.

אפ פלעצער האָט געדראָט דער ווינט
מיט ווינטער, מיט פארלאָשנ פײַער,
אונ אונטער מוטערס האנט א קינד
איז ווילד פארגאנגענ זיכ אינ שרײַענ.

פאר דעמ געשריי כ׳האָב זיכ פארנייגט,
דעמ קאָפ כ׳האָב אײַנגעהילט אינ רעגנ,
אונ ווי אנ אויג דערקענט אנ אויג
א צווייטע שטאָט האָט מיכ באגעגנט.

דאָרט אינ א צימערל א קלײנס
צוויי מידע הענט אפ קישנ וואכנ,
...דורכ טעג אונ נעכט צו דיר כ׳וועל גײנ,
אפ אלע וועגנ דיכ באוואכנ.

אונגארנ 1945.

פאָרט פונ פראָנט אהיימ א זעלנער

ס'פאָרט פונ פראָנט אהיימ א זעלנער —
איז דער וועג באקאנט אונ ליכטיק.
פויגלענ וועקנ מידע פעלדער —
ס'איז די נייַס בעפיירעש וויכטיק.
אונ עס וויסט שוינ וואלד אונ גראָז,
אז עס פאָרט דער באלעבאָס.

זיצט ער אפנ ברייטנ וואָגנ
גרוי א ביסל, מיד א ביסל,
טויזנט נעכט אינ פלאמ אונ וואָגל
בּיזנ ביינ זיכ אייַנגעביסנ.
קוקט דער זעלנער אפ דער ערד —
ס'איז מיר לעבנ נאָכ באשערט.

פרישע בלויקייַט רינט פונ אויבנ,
ס'טוט א ווינט די ברעמענ קילנ,
אינדערלופטנ ווייַסע טויבנ
פאָרלעכווייַז אינ זונ זיכ שפּילנ,

אונ דאָס הארצ פאר טײַנעג קוועלט —
אָטעמ, אָטעמ אימ פארפעלט.

פלוצעמ טוט א בליצ א פענצטער —
וויפל אויגנ שיקנ גרוסנ,
וויפל טײַערע, געבענטשטע
ליפנ גארנ צערטלענ, קושנ.
אונ עס טראכט פארשעמט דער העלד:
ליב דאָס לעבנ אפ דער וועלט.

צוריק אהיימ

1

און אויב עס וועט די זון פארגיין —
בא ווינט און שטערן וועל איך פרעגן:
פון וועלכן שטיין צו ליבער היימ
צעגייען זיך די גרינע וועגן.

די פיס צעשלאָגן כ׳וועל ביז בלוט,
און, טויב פון דונערס, כ׳וואָלט פארנומען,
ווי ס׳זאָגט די ערד: „מײַן זון, ווי גוט,
וואָס ביסט אהיימ צוריק געקומען".

2

עס ברענט אין פעלד דער רויטער מאָן,
און מיט דער זון זיך שפּילן בינען.
איך שטיי.
א וואָלקן שעפּט מיר אָן
א פולן בעכער מיט באגינען.

איך בין געקומען צו דײַן שוועל
נאָך הונדערטיאָריקע מעסלעסן.
מײַן יוגנט-היים, מײַן כאָלעם-וועלט,
איך גלייב, דו האָסט מיך ניט
פארגעסן.

א באַלאַדע וועגן דער רעכטער האַנט

ער איז געווען אַ יאַט אַ פּראָסטער,
אין פּאָלק געקומען פֿון אַ העק,
און ס'האָבן זײַנע הענט מיט פּראָסע,
מיט ווייץ, מיט סטעפּ-ווינטן געשמעקט.

און קוים זיך אויסגעלערנט שיסן
און גראָבן זיך אין ליים און זאמד,
האָט ער פֿון זיך געלאָזן וויסן
אין פּאָלק, וואָס אָפּן פֿײַער-ראַנד.

נאָר איינמאָל אָפּן אײַז פֿון ווײסלע
אַ מינע האָט פֿון לינקן ברעג
די רעכטע האַנט אים אָפּגעריסן,
וואָס האָט מיט פּולווער שוין געשמעקט.

דאָס אײַז האָט אים געשטילט זײַן ווייטעק,
און קוקנדיק צום סוינעס זײַט —
„נישקאָשע — כ'האָב אַ האַנט אַ צווייטע...”
האָט ער מיט צאָרן דורכגעזײַט.

און ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט,
דאָס היימלאַנד אופגעזוכט אים האָט:
פון שיסער-פּאָלק דורך מײַרעוו-לענדער
פאַרבעטן אים אין מאָסקווע-שטאָט.

אין קרעמל-זאַל די שײַן פון ליוסטרעס
געדרונגען האָט פון ברוסט אָפּ ברוסט,
און ער דעם אָרבל האָט דעם פוסטן
אַוואוּ אַהינטאָן ניט געוווסט.

מיכאַל איוואַנאָוויטש קאַלינין
באַגריסט האָט פּאַטערלעך אין דײַ
די בעסטע זין פון דער מעדינע
און יעדן איינציקן פון זײַ —

מיט ליבע אויסגעלײַ׳נט די נעמען.
אויך ער זײַן נאָמען האָט דערקענט
און זיך געקליבן צוגיין נעמען
דעם אָרדען פון קאַלינינס הענט,

איז ווי ארויס אים פונעם זינען,
אַז ס׳פעלט אים אויס די רעכטע האַנט...
ס׳האָט אים געהאַלדזט, געקושט קאַלינין,
און ס׳האָט אָפּ טונקעלן געוואַנט

זײַן טרער צעשײַנט זיך ווי אַן אָרדען...
איך בין אין קרעמל ניט געווען,

נאָר כ'האָב באגעגנט אימ אפ מאָרגנ —
אינ זײַנע אויגנ אלצ דערזענ.

פאָטערלאנד, אינ גרעסטנ פײַער —
ווי עס זאָל ניט זײַנ מיר שווער —
דיר זײַנ ווי ער א זונ א טרײַער
מיט רעכטער האנט מײַנער איכ שווער!

ווינטער־באַלאַדע

א וועג א פאַרשנייטער,
ביז נאַכט שוין ניט לאַנג,
א שליטן א ברייטער
אַף אײַזערנעם גאַנג,

און אויבן א שטערן
מיט שײַן גיסט זיך אָן...
א כאַוער א ווײַטן
איך פיר פון ראַיאָן.

א הויכער, א ברייטער,
מיט גווורע געבענטשט,
אַן אָרדען א רויטער
אַף טונקעלן פרענטש.

„אײַ, כאַוער געהויבענער,
פאָרסט פון בערלין?
וואָס האָסטו פאַרבענקט זיך
אינמיטן-דערין?

צי האָט דיר דער וועג
אָנ א צווייטנ דערמאָנט?
צי האָסטו געשלאָגנ זיכ
ערגעצ דאָ נאָ׳נט?

צי האָסטו אינ פֿלאצנ
פֿונ צווייַגנ דערהערט
דעמ קרעכצ פֿונ די וואָרצלענ,
ווענ ס׳רייַסט זיכ די ערד?

אונ עפּשער אינ מיר
האָסט א ברודער דערקענט,
אונ, זעענדיק מיכ,
האָסט נאָכ אימ זיכ פֿארבענקט?

פֿארבענקט זיכ נאָכ רו
אינ א ווארעמער שטוב?
דערזענ דייַנ טאָכטערקעס
ברויגעזנ טשוב?

אפֿ דינינקע פּיסלעכ
דאָס רירעוודיק גליק:
ווי ס׳לויפֿט צו דעמ פֿענצטער
אונ שפּרינגט אָפֿ צוריק.

איז וועל איכ דיכ ברענגענ
צומ קינד, צו דעמ ווייַב...״
דאָ טוט ער א לאכ
אונ די דלאָניעס א רייַב.

פון בּרוסטיקנ קאָל
אזוי ווארעמ מיר ווערט:
— דו כאָלעמ ניט, בּרודער,
טרײַבּ אונטער דאָס פערד.

וואָס גייט עס פאמעלעכ —
דער וועג איז דאָכ גרינג;
וואָס האָסטו פארטראכט זיכ
אינמיטנ-דערינ?

...א טאָל אונ א ריטשקע
מיר פלײַענ אדורכ,
אונ וױנטנ זיכ גליטשנ
אפּ זילבּערנעמ שפּור.

אונ ס׳גיסנ די שטערנ
מיט האלבנאכט זיכ אָנ,
מיט פרייד מיר דערהערנ
א קריי פונ א האָנ.

פריוואלנ

ש. האלקינען

דיכטונג

כ'האָב געוואָלט דעם ווינט א פונק פארטרויען,
איז אוועק מיט פײַער טיר און טויער.

כ'האָב געוואָלט א סאָד דעם וואסער זאָגן,
האָבן וואסער-מילן אים צעטראָגן.

כ'האָב געוואָלט, פאר זיך דאָס הארץ זאָל לעבן,
האָט זיך עס פארליבט, זיך אָפּגעגעבן.

שרײַ איך צו דער וועלט: דו טוסט ניט ריכטיק!
ענטפערט מיר די וועלט: אָט דאָס איז דיכטונג.

מיליען

א ליד

זיך טרעפֿן פֿריִער מיט א בוים
אפֿ העכסטער הייך אפֿ ניט באקענטער,
ווי גרינע, צו דער זון געווענדטע,
די בלעטער רינען אויס אין רוים.

דערנאָך זיך טרעפֿן מיט א טײַך,
שטיין אויג אפֿ אויג מיט פֿלוס מיט קאלטן,
וואָס האָט א וואָלקן טיף באהאלטן
און וויגט אים מיטן הימל גלײַך.

און נאָכן טײַך — אין ברייטן פֿעלד,
באַם לעצטן טוי און ערשטן שאָטן —
מיט יענעם שטעגל, וואָס באטראָטן
האָט נאָר די שטילקײַט פֿון דער וועלט.

און נאָכדעם — טרעפֿן זיך מיט דיר
און איבערגיין די שוועל א מידער:
„כ׳האָב אומעטום געזוכט א ליד דיר
און זי געפֿונען בא דײַן טיר"...

שײַטערל

אָ, קלײנינק שײַטערל אין װעג!
ביסט גרעסער פֿון דער װײַטער זוג,
װאָס װײס ניט, אז ס'איז מיר איצט קאלט
אין װאלד,
װוּ שאָטנס זײַנען אלט,
װוּ נעכט עס רוען גאנצע טעג.

אָ, קלײנינק שײַטערל אין װעג!

זאָג, דו קענסט א ברודער זײַן?
זאָג, דו קענסט אין מיר ארײַן?
דײַן פֿלאם אין הארצן איך פֿארהאלט,
קעדײ דו זאָלסט ניט אויסגײן באלד —
איך שענק מײַן אָטעם דיר אװעק.

אָ, קלײנינק שײַטערל אין װעג!

הונדערט שנייענ וועלנ ווייענ

וויַיסער שוימ אפּ שטילע שטאמענ,
יעדער בּוימ איז ווי א קאלע.
דו א ליכטיקע אזא מינ,
דו בּיסט שענער דאָכ פונ אלע.

אינדערפרי אינ שלאכט מיר גייענ,
דו פארהאלט זיכ, ווארט א רעגע.
הונדערט שנייענ וועלנ ווייענ,
רעגנס, שנייענ אפּ די וועגנ

וועלנ פרעגנ, וועלנ רעגנ,
וועלנ שטענדיק דיכ דערמאָנענ,
אוי, דערמאָנענ דיַינ אוועקגיינ
אונ דיכ בּרענגענ שוינ ניט קאָנענ.

אפּ ליזשעס

דורכן וואַלד דעם שטילן
יאָגן מיר אינצווייען,
אונטער ליזשעס פלינקע
רייכערן זיך שנייען.

רייכערן זיך שנייען
און דעם שפּור פאַרשיטן –
צווישן ערד און הימל
אונדזער סאָד פאַרהיטן.

זע, אַוועלכע ווײַסקײַט
האָבן מיר באַטראָטן,
ס'לאָזט דער ווינט ביז פאַלן
אַפּן שניי קיין שאָטן.

אַפּן שניי — קיין שאָטן,
איך און דו און קיינער.
און איין סאַמע האַרצן
יענער שפּור דער ריינער.

ערשטער פראָסט

ליגן שנייען בלוי פון פראָסט
אײַנגעקנוילט אין שלאָף אין שטילן,
ווי די הינט באַם באַלעבאָס,
ווען עס ווערט זיי נימעס בילן.

און די נאַכט איז טיף ביז בלענד —
ס'ווערן נאָענט ווײַטע ווערסטן,
ערגעץ בילן הינט נאָר, העַרסטו,
און דער טוינע זיך דערנע'נט.

ווען איך וועל טאָן אַ פאַל אין גראָז

ווען איך וועל טאָן אַ פאַל אין גראָז
אַפֿ קיינמאָל שוין ניט עלטער ווערן,
וועט זיך ניט אויסלעשן דער שטערן,
וואָס האָט אַ לעבן מיר געקאָסט.

נאָר ס'וועט דער בוים זיך טאָן אַ בראָך
מיט גרינעם וואָלקן אַפֿ די צווייַגן,
און די קוקאווע וועט דאַן שווייַגן,
ניט שרעקן קיינעם מער דערנאָך.

און אופֿגיין וועלן נעכט אין שייַן,
און טעג אין אויסגעבלייכטן פֿייַער.
און די, וואָס איז געווען מיר טייַער,
אָן מיר וועט אָטעמען און זייַן.

ד י ר

דו טראָגסט אינ זיכ מײַנ בלוט, מײַנ זוימ,
נאָר ס'איז דערווײַל דער ווײַטסטער טרוימ.

דער בוימ אינ וווקס פארכאפט מער רוימ,
נאָר יעדער צווײַג מאכט אלט דעמ בוימ.

דערפאר מײַנ הארצ פארקישעפט בעט:
ניט רײַפ צו פרי, ניט בלי צו שפעט.

ווענ דו וועסט שענקענ מיר א זונ

ווענ דו וועסט שענקענ מיר א זונ
מיט בלוט אונ ווייענ א באגליקטנ,
מיט מילכ מיט דיינער א דערקוויקטנ —
א לויכטנדיקנ, ווי א פונק,

איכ וועל דערציילנ אונדזער קינד
ניט וועגנ בלוט אונ דיינע ווייענ,
נאָר וועגנ יענע בייזע שנייענ,
וואָס האָבנ גרויקייט אויסגעשפינט.

אונ ניט באהאלטנ כ'וועל פאר אימ,
ווי שווער געווענ איז לעבנ בלייבנ,
ווענ טויט צו אונדז פלעגט זיכ פארקלייבנ
אונ אויסלעשנ א יונגע שטימ.

אז ווענ ער וועט א גרויסער ווערנ,
אונ ס'וועט א שלאכט אימ זיינ באשערט,
ער זאָל געהערנ אָט דער ערד,
וואָס וועט, ווי אונדז, אויכ אימ געהערנ.

איך וועל קיין נאָמען דיר ניט געבּן

מײַן קינד קיין נאָמען כ׳וועל ניט געבּן,
ניט וועקן זאָל ער אים פון דרימל,
בּיז ניט אַרײַן וועט עס אין לעבּן,
ווי ס׳גייט אַרײַן אַ בּאַרג אין הימל.

איך האָב דאָך וועג אַף וועג געבּיטן —
כ׳זאָל שענקען אים אַ לאַנד מיט וועגן,
ווי ס׳שענקט די ערד איר זאַפט די בּליטן,
אַזוי ווי שעפע שענקט דער רעגן.

איכ האָב אינ פײַער זיכ געהילט

איכ האָב אינ פײַער זיכ געהילט,
מײַנ קינד מיט שײַנ זאָל קענענ שפילנ;
עס זאָל קיינ דאָרשט אינ מויל ניט פילנ,
מיט בלוט באַצאָלט כ'האָב פאר זײַנ מילכ.

כ'וויל מיט זײַנ קומענ אפ דער וועלט
דאָס לעצטע וויי-געשריי דערהערנ,
אז אימ איינגאנצנ זאָל געהערנ
די פרייד, קיינ טראָפנ ניט פארפעלט.

* * *

עס לעבט.

עס איז שוין גרעסער פון דײַן הארץ,
ווי פון דײַן הארץ א שאָטן וואָלט געפאלן.
עס שטויסט זיך שוין מיט צארטקײַטן מיט אלע
און לויכט איצט צווישן בלאָנד און שווארץ.

גיי פרוּוו אין בערג אין צוויי פארשליסן א געוויטער:
ווו ענג איז צוויי —
דאָרט ווערט א בארג א דריטער.

קינדהײַט

קינדהײַט, קינדהײַט,
כ׳האָב געוואָלט פֿאַרפֿירן
דיך אין דער געדיכטעניש פֿון ווייצן —
האָבן מיר געקלאַפּט אין יונגער פֿלייצע
פֿויגל-שטימען — כ׳זאָל זיך ניט פֿאַרלירן...

כ׳האָב דיך מיט אַ ליד אַמאָל פֿאַרטריבן
אויף אַ שמאָלן בריקל איבער וואַסער —
זײַנען פֿון די האָר דײַנע די נאַסע
נאָר צוויי פֿולע טראָפּנס מיר פֿאַרבליבן.

זוניקער מאַזל

ס'טראָגט א מיידעלע וואסער א קרוג —
האָט די זון זיך איין וואסער פארקוקט,

צווישן גלאנציקע ליימענע ווענט
זיך א קליינינקע האָט זי דערקענט.

ווערט שוין ציט'ריק דעם מיידעלעס טראָט —
אזא זוניקן מאזל זי טראָגט.

פרילינג

פאַרטאָג איז נאָך ווינטער
געלעגן אפּ שליאַכן
אין שנייִקע בערג
און אין אײַזיקע פלאַכן.

און דאָ אומגעריכט
מיטן פערד, מיטן שליטן
פאַרפאָרן אין פרילינג —
געבליבן אינמיטן.

דאָס פערדל עס שטייט זיך
א גראָינקס, א טוייִקס,
ווי דאָס וואָלט דערלאָזן
א שרעקלעכן טאָעס.

נאָר מיר —
אזוי לינד,
אזוי גוט אפּן הארצן
זיך טרעפן אין פעלד
מיט א ריטשקע א שווארצער;

דערפילן די קעלט
פונעם וואסער פון ערשטן
אַף מײַנע, אַף אונדזערע
ערדישע ווערסטן;

דערזען אינדערלופטן
די בלויע מעדינע
מיט פויגלשן פליִען,
מיט קעלעכלעכ דינע.

איז דארף מען זײַן שטארקער
פון שטאָל און פון אײַזן —
פון פרילינג דאָס הארץ
און דאָס אויג אָפצורײַסן;

איז דארף דאָך מײַן פערדל
זײַן שטארקער אײנפירען —
דעם שליטן א ריר טאָג
און ווײַטער מיך פירן.

איז שטייען מיר ביידע
פון פרילינג צערודערט,
און ער גייט מיט זון-שײַן
דורך שנייִקע הרודעס.

און ס׳דוכט מיר:
איך הער שוין
אהינטער מײַן פלייצע,
ווי ס׳טוען פארפלייצן מיך
גאָלדענע ווייצן...

לעבן, זײַ געבענטשט!

(לירישע פּאָעמע)

ערשטער טייל

קינדהייט

1

די שווערע היצ אין מײַנע הענט
פונוואנענ איז, פונ וועלכנ יאָר?
עס האָט אינ דאָרפ דער טאָרפ געברענט,
איז עפשער פונ דער סרייפע גאָר?

אונ עפשער איז אינ מיר ארײַנ
א שײַטערל פונ דעמ בלינדאזש?
אונ עפשער האָט געבראכט א פרײַנט
מײַנ היימ אינ הויפנ קאלטנ אש?

אונ עפשער ייִנגלווײַז געשפּילט
כ׳האָב צופיל מיט דער טאמוז-זונ
אונ איצטער ערשט איר ברי דערפילט?
אונ עפשער איז די היצ דערפונ,

וואָס כ׳האָב געגלעט א הייסנ האלדז,
א פרעמדנ ציטער אײַנגעוועבט?
אונ עפשער איז די היצ פונ אלצ,
וואָס איך האָב אײַליק דורכגעלעבט?

עס איז דער טאָג ווי אויסגעבלייכט
געווען פון פריִען רעגן,
און ס׳איז די ערד געלעגן ווייך
און גרייט פאַר נײַע וועגן.

דער הימל האָט א נעץ צעשפּרייט —
די פייגעלעך געפאנגען,
נאָר סײַווי האָט פון ווײַט געווייט
מיט פויגלשע געזאנגען.

און אלץ ארום איז פריש געווען,
געציטערט האָבן לאָדן,
און ס׳האָט דאָס שטעטל אויסגעזען —
א שיף, וואָס איז געלאָדן

מיט פרילינגדיקן וואסער-לויף,
מיט ערשטן שאָרך פון גראָזן;
און ס׳האָט געדאכט, אז אונדזער הויף
וועט באלד זיך שווימען לאָזן

צו עפּעס גאָר א נײַער וועלט,
ווו יעדער קען זיך טרעפן
מיט דעם, וואָס האָט אים אויסגעפעלט —
א פענצטער נאָר צעעפן.

און פּלוצעם, ווי א נײַע פרייד,
איין סאמע אָנהייב זומער, —

דער שוועסטערס הילכיק אויסגעשריי:
„די מאמע איז געקומען!"

פון טיר עס האָט א צי געטאָן
מיט אויסגעוויקטע ביימער,
וואָס שטייען נאקעט, אויסגעטאָן
ביז די פארשווארצטע ביינער;

מיט קעלט, וואָס שעמט זיך ניט ארייַן
אין מאמעס שיך און קליידער;
מיט לופט, וואָס שמעקט מיט זויער-וויַין
פון פייסעכדיקן סיידער.

און נאָך דער מאמען: זעט נאָר, זעט —
א וואָלקנדל פארקראָכן.
„מיט הארטע קאָפּיטלעך עס טרעט!
ס'האָט אויערן, ס'האָט קנאָכן!"

א גראָיַנק קעלבעלע פון מארק
האָט אונדז געבראכט די מאמע, —
וואָס פון די פיסלעך ביזן קארק —
גרויער, נאסער טאמעט.

3

א קאלב קען אויכעט טרויערן
נאָך היים, וואָס איז ניטאָ,
אין פרעמדע שווערע טויערן
צעקלאפן זיך די טלאָ.

און זאָרגן אויך ניט ווייניקער
און קאָרטשען זיך פאר ווייי,
מיט אלע ריפּן בייניקע
זיך שלייַדערן אין היי,

א קאלב אפילע ווייינען קאָן
נאָך מאמעס הייסן לעק,
די טרערן זעט נאָר קיינער ניט —
דורך וויִעס צוגעדעקט.

עס זעט א פעלד ניט-דאָיִקן,
א ברייטן גרינעם טאָל,
און בענקט מיט אויגן טוייִקע
און יאָמערט אפ קאָל;

און איינמאָל אין א זומער-טאָג —
דער פאסטעך האָט פארזען —
דאָס קעלבעלע דאָס אומעטיקס
אין פעלד איז ניט געווען.

4

ווען דו גייסט אין פעלד אין ברייטן —
זאָל דיך עמעצער באגלייטן.

נעם א פרייַנט מיט זיך צוזאמען,
בעט א בראָכע בא דער מאמען.

א „גוט-מאָרגן" פאר א מענטשן,
פארן זאנגען-וווּקס א בענטשונג,

פאר די גראָזן — אויג און אויער,
דערנעבן־עוּ׳עז פאר א טויער.

ווען דו גייסט אין וואַלד געדיכטן,
זאָלסט אפ ניסים זיך ניט ריכטן;

זע, ניט ברעכן אומזיסט די צווייגן —
דארפן וועסט צוריק פארבייגיין.

ליי בא וועווריקעס די זשוואווקייט,
לאנגע יאָר בא דער קוקאווקע,

און אז הינט זאָלן ניט שרעקן
נעם פון וואַלד א גראָבן שטעקן.

5

גייט מיין מאמע, זאָגט מיין מאמע „באָג נא פאָמאָשטש" יעדן פויער,
און עס שמייכלען אירע אויגן, ווייכע אויגן ווי א רעגן.
שטייט אן אלטינקער דזיאדוליא — א יאָר הונדערט שטייט באם טויער —
און פארבעט אין שטוב אריינגיין און זיך אָפּרוען א רעגע.

ווישט מיין מאמע אָפּ די ליפּן מיט א בריעג פון מאַליע־שאלכל,
זאָגט זיך אָפּ פון מילך פון פרישער און מיט וואסער זיך באנוגנט.
„טשי נע ווידזיעל טי, דזיאדוליא", — פרעגט די מאמע בא דעם אלטן
האלב אין יידיש האלב ווייסרוסיש — „אונדזער קאלב אין דער אָקרוגע?"

„א יאקאיא?" — פרעגט דער זיידע און פארשאַרט צו איר אן אויער
מיט אן אויסגעבייגטער דלאָניע — כאס־כאָליע ניט פארהערן!

105—6

און ס׳דערציילט אים שטיל די מאמע, אז דאָס קעלבל איז א גראָינקס און א מאָגערינקס פון בענקען, מיט א „זאָרקע״ אפן שטערן.

„ז בעלאָי זאָרקאָי?״ — טוט דער זיידע זיך א הייב ווי פון א בליץ אוף, און א ווינטל זיך פארקײַקלט אין זײַן קאָלנער אין גראמען. שאָקלט מיטן קאָפּ דער זיידע — ס׳טוט דער ווינט אים לינד א קיצל — „נע, נע באטשיל״, — מאכט דער זיידע, און א זיפץ עס טוט מײַן מאמע.

6

ווען ס׳ווערט די נאכט צעשאָטן
אפ טויזנט שמאָלע שאָטנס,
אין יענעם פרי אין העלן
איז גוט אין שטוב צו פעלן.

איז גוט צו זײַן דערוואקסן,
און טראָגן טוי אפ אקסל,
און גוטע פייגלען וועקן,
און שלעכטע פייגלען שרעקן.

דערטאפּן מיט די פינגער
אפ שטאמען נײַע רינגען,
די וווּנדן אויסגעהיילטע,
די קנאָספּן אויסגעשיילטע.

איז וואָס זאָל מיך פארדריסן,
וואָס איך בין מיד א ביסל?
דערבײַ גייט דאָך די מאמע
און מידער נאָך מיסטאמע...

7

א סטעזשקע א שמאָלינקע פירט צו דעמ כוטאָר:
מע זאָגט, אז דאָס קעלבל אהינ איז אנטלאָפנ.
די מאמע זי גלייבט שוינ דער בסורע דער גוטער —
די מאמע וויל גלייבנ, די מאמע וויל האָפנ.

אינ וואלד שטייענ שוועמלעכ אינ היטלענ אינ גרויסע,
אונ ס'ווערט ניט פארמאטערט דאָס איינציקע פיסל;
די רויטינקע פאָזעמקעס וואשנ מיט טוי זיכ,
נאָר ס'ענגענ די גרינינקע קאָלנערס א ביסל.

א בוימ האלט א בינשטאָק אזוי ווי אנ אייפל
אונ וויגט אימ אָנ אופהער אונ קענ ניט פארוויגנ,
א פייגעלע שרייט אפ א קינדערשנ אויפנ,
נאָר גיי אונ באפויל, עס זאָל ווערנ אנשוויגנ.

א הילצערנ בריקל—דעמ כאָלעמט זיכ וואסער,
קאָלווירטניקעס קומענ ארויס אונדז אנטקעגנ,
אפ אקסלענ די קאָסעס ווי זוניקע פאסנ...
נו, מאמע, מע דארפ זיכ שוינ אָנהייבנ פרעגנ...

אזויפיל געגאנגענ, אזוי זיכ פארמאטערט —
זי האָט זיכ שוינ מוירע צו פרעגנ, מיינ מוטער,
„איכ וויס, — שרייט פונ ווייטנ דער מאמענ א יאטל, —
איר זייט נאָכ דעמ קעלבל געקומענ אינ כוטאָר!"

8

אינ שטאָט די זונ האָט אויסגעבלענדט די שויבנ,
אינ פעלד די היצ האָט אויסגעברענט דאָס גראָז,
אונ ס'דוכט זיכ אונדזער קאלב, אז ערגעצ אויבנ
איז פריש דאָס גרינס אונ לינד א ווינטל בלאָזט.

נאָר ס'איז דער „ערגעצ" דאָרטנ אינעם כוטאָר,
ווו ס'האָט א צונג דאָס פעלכל אימ געווישט.
א שטילקייט דאָרט — א הייקע, אנ אויסגערוטע —
מיט קלעווער-שאָרכ, מיט בינענ-זשומענ אויסגעמישט.

עס איז אהינ געלאָפנ לאנגע, הייסע שאָענ,
ווי ס'לויפט א טייכ, וואָס זיכ דעמ יאמ פארטרויט,
דערקענט דעמ וואלד, וואָס האלט אפ זיכ דעמ הימל בלאָענ,
די טוכנ לייַנענע, ווי סטעזשקעס בא דעמ פלויט;

אונ עפעס נאָכ אזוינס, וואָס שווער איז אויסצומוקענ,
וואָס בינדט די פיס באמ אָפגייִנ פונ דער שוועל.
איז גייט עס, ניט דאָס קאלב, אונ ווארפט זיכ מיטנ רוקנ —
אנ איבערגעקערט שיפעלע, וואָס שטויסט זיכ מיט א וועל.

9

עס האָט א כמארנער זונ-פארגאנג די זשאבעס אָפגענארט —
זיי וועלנ זיכ שוינ אויסקוואקענ אינגאנצנ ביז דער נאכט.
עס ציטערט אופ דאָס קאלב מיט אלע ביינער, אונ עס דאכט,
אז באלד וועלנ זיכ אויסשנייַדנ אימ הערנער אומדערווארט.

איכ נעמ ארומ דעמ האלדז זייַנעמ, דערווארעמ מיט מייַנ לייַב,
עס שטויסנ זיכ די אָדערנ די בלינדע אונטער פעל.

עס רײַסט די מאַמע גראָז אָנ, אַז שמעקנ זאָל מיט פעלד —
דאָס קאַלב ביז סאַמע אויגנ זיכ אינ מאַמעס הענט פאַרקלײַבט.

מיר גייענ שווער, מיר גייענ לאַנג אונ בלײַבנ פלוצעמ שטיינ,
אונ לײַכטע זעגלענ פינצטערניש די נאַכט צעשטעלט אַרומ,
אונ זשאַבעס קוקנ נײַגיריק אַרויס פונ גרינעמ זומפ
אונ שווײַגנ, ווי זיי וואָלטנ אונדז געהייסנ ווײַטער גייִנ.

איז גוט, וואָס אונטער מענטשנ-הויט איז וואַרעמקײַט פאַראַנ,
אונ ס׳גלייבט דאָס קאַלב מײַנ וואַרעמקײַט, דעמ גראָז אינ מאַמעס הענט;
צו פרי האָט הײַנט אינ וואָלקנ-אַש די זונ דאָרט אָפגעברענט —
אינ פעלד ערגעץ, אינ וואַלד ערגעץ — באַמ סאַמענ הימל-ראַנד.

10

מיט מײַנע דרײַצנ ליבעס צו דעמ לעבנ —
צו דרײַצנ יאָר האָב איכ נאָכ גאָרניש ניט געגעבנ.

איכ האָב באַ דעמ נאָר שפילגעצײַג גענומענ:
א האַלדז, אַפ אונטערהאַלטנ, ניט אַרומגענומענ.

אונ קיינ פאַרבלאָנדזעטנ דעמ וועג ניט אָנגעוויזנ —
א ניט געצונדנ ליכט געוועזנ איז מײַנ געוויסנ.

מיט מײַנע דרײַצנ ליבעס צו דעמ לעבנ
האָב איכ דערשפירט, אַז עמעצער דאַרפ זײַנ דערנעבנ.

איכ האָב דערפילט, אַז איכ בינ זייער אָרעמ,
אַז מײַנע הענט די צוויי — זיי דאַרפנ ווערנ אָרעמס.

אז אָנצינדנ די ליכט מע מוז,
אז ס'איז אזויפיל גוטס מיר אומבאווּסט.

מיט מײַנע דרײַצנ ליבעס צו דעמ לעבנ
מײַנ בלאסע שײַנ כ'בינ גרייט אינ זונ פארוועבנ,

אז ווענ זי וועט זיכ אויסלעשנ א קאלטע,
זי זאָל אפ נאָכ א רעגע זיכ פארהאלטנ.

צווייטער טייל

מילכאָמע

1

מיר האָבנ די מילכאָמע ניט פארבעטנ,
זי איז געוועזנ קאָנטיק פונדערווײַטנ,
ווי דורכ א טיר א גלעזערנער.
באַ לײַטנ
האָט שוינ דער טויט פארפלעקט א קינדער-בעטל.

מיר האָבנ זי געטריבנ מיט דער בליִונג
פונ ערד, וואָס האָט מיט זונ באהעפט זיכ אָפנ,
מיט ווײַסקײַט פונ דעמ נײַ-אנטדעקטנ צאָפנ,
מיט לידער, וואָס א ראָטע פלעגט פארציִענ;

מיט הייסנ אָטעמ פונ פארליבטע פאָרנ,
מיט פלינקע צוגנ אונטער מאָסקווער באָדנ,
מיט ווארעמקײַט, פארוועבט אינ לײַנענ-פאָדעמ;
מיט גאָר דעמ לעבנ אונדזערנ געוואָרנט.

נאָר גרענעצן זיך האָבן ביז דערנע׳נטערט,
און שפּיזן האָבן זיך דערמאָנט אין שאַרפֿקײַט,
און ליבער — וועגן זייער צאַרטקײַט דאַפֿקע, —
און ס׳האָט דאָס לעבן זיך געענדערט.

2

כ׳האָב די היים מײַנע פֿאַרלאָזן
ניט דערפֿאַר, וואָס כ׳האָב געוואָלט,
ניט דערפֿאַר, וואָס כ׳האָב די גראָזן
פֿאַר די פֿערד ניט באַצאָלט;

ניט דערפֿאַר, וואָס מיך די פֿויגלען
האָבן דאָרטן פֿרי געוועקט,
ניט ווײַל דאָרט די רעגנבויגנס
האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט;

ניט דערפֿאַר, וואָס אויסגעקליבן
אַלע יאַגעדעס דעם וואַלדס,
ניט דערפֿאַר, וואָס מאַמעס ליבן
פֿלעגן גרייכן קוים צום האַלדז.

כ׳האָב מײַן ליבע היים פֿאַרלאָזן —
ווײַ צו מײַנע פּיס און הענט:
אונטער ליכטיקע בעריאָזעס
ליגט אין אַש מײַן הויז פֿאַרברענט.

אונ ניט קיינ טרומייטנ
אינ שלאכטנ אונדז האָבנ געטריבנ —
דער ווייטעק, דער ווייטעק,
וואָס איז נאָכ ביז הײַנט מיר פארבליבנ.

די מאמע ארויס איז באגלייטנ
אונ עלטער געוואָרנ —
אינ ליכטיקנ לייטער
א שטאפל פארלאָרנ.

באמ טיר, בא די שוועלנ
אינ ווילד-גראָז צעבליט זיכ די שיידונג,
די שפינענ — זיי קוועלנ,
א ווינקל געבליבנ איז ליידיק.

א פײַער האָט גרויזאמ
דאָ אונטערגעצונדנ די ווינטנ.
אינ פעלדער אינ בלויזע
ווו זאָלנ מיר איצט זיכ אהינטאָנ?

מיר מוזנ גיינ ווײַטער —
מיר מוזנ אדורכגיינ דעמ אומגליק.
פונ אלע פיר זײַטנ —
פונ ערד אונ פונ הימל די זונ גליט.

כ'וויל וואסער געפינענ.
וווהינ זײַנענ טײַכנ פארשווומענ?

אזוי ווי דער רימענ
איז טרוקנ געוואָרנ מײַנ גומענ.

אפ וועגנ אפ וויסטע,
וואָס האָבנ פארלאָרנ דעמ נאָמענ,
א קריגעלע מילכ אינ דער ברוסט
אינ דער מאמעס דערמאָנענ.

נאָכ מיר אירע הענט
ווי צוויי ריטשקעלעכ פליסנ:
דאָס הארצ איר פארקלעמט, וואָס מײַנ העמד
אינדערפרעמד איז צעריסנ.

עס האָט איר דער גזאר אָנגעקלאפט
ווי א פויסט אינ א טויער —
געטאָנ זיכ א כאפ,
אונ איר קאָפ איז געוואָרנ נאָכ גרויער.

4

איכ רייד צו דיר, מאמע, פונ יענעמ פעלד,
ווו פאלנ איז גרינג אונ טרעטנ איז שווער;
איכ רייד, ווענ אפ ציינ מײַנע סקריפעט די ערד,
איכ רייד, ווענ עס רײַסט זיכ אינ לונגענ א קעלט,
איכ רייד, ווענ כאוויירימ ריידנ ניט מער.

מאמע, דער שלאָפ האָט אָט דאָ מיכ פארפעלט —
איכ טוליע מײַנ לײַב צו א זעקסטל פונ וועלט;

דו האָסט דאָך אינגאַנצן אַפּ מיר זיך פאַרלאָזט —
איך טאָר ניט פאַרבלייבן דאָ ליגן אין גראָז.

מאַמע, דערהער מיך, דערזע, אויב דו קענסט,
איך טראָג דיר דײַנע עלטער אַפּ יונגע הענט,
איך טראָג דיר מײַנע אייגן, מײַן וואַרעמע האַרץ,
אַ טרוים פון אַן אייניקל אַ געגאַרטס.

מאַמע, עס רינט אין דעם ענגן אָקאָפּ
פון וואָרצלען צעהאַקטע דער זאַפט אַפּ מײַן קאָפּ,
און דאָרט ערגעץ אויבן עס דאַרט אָפּ אַ צווײַג.
מאַמע, כ׳בין גרויס פאַר דער זאַמדיקער שטײַג,

כאָטש ס׳בלאָנדזעט מײַן קינדהײַט אין האָמלער וואַלד,
כאָטש ס׳זוכט נאָך מײַן קינדהײַט דאָס גראָזיקע קאַלב,
כאָטש ס׳האָט נאָך מײַן יוגנט זיך ניט אָפּגעשעמט,
כאָטש כ׳האָב נאָך מײַן עמעסע ליד ניט דערקענט.

איך רייד צו דיר, מאַמע, פון יענעם פעלד,
וווּ ס׳האָט מיך דער ווײ אַפּ די פיס געשטעלט;
איך רייד צו דיר, מאַמע, פון יענער ערד,
וואָס מיר מיטן לײַב איז באַשיצן באַשערט;
איך רייד צו דיר, מאַמע, אין טיפקײַט פון נאַכט
אין דער לעצטער מינוט
פאַרן גיין אין שלאַכט.

א וועג מוז ברענגען צו א וועג,
און ערגעץ וועט א שויב א בליץ טאָן.
וואָס פעלט מיר איצט?
עס פעלט מיר איצטער,
זאָלסט וועגן דעם מיך טאָן א פרעג.

זאָלסט צוגיין, שוועסטער, צו מיין טיש
און פון מיין קעסעלע פארשעפן,
און ווי אין הארבסט א רייפער עפל
פארשמעקן זאָל דיין הויט מיר פריש.

און זאָלן דינען דיר די הענט,
וואָס וואנדרן לינדערג און היילן
און פרוווּן דאָרט, אין סטעפ אין הוילן,
באַם פעסטיקן אָקאָפּעס-ווענט.

נאָר אויב דו קענסט ניט קומען היינט,
נו, זאָג, וווהין דיך נאָך פארבעטן?
דווייל מיט א שאָ צי עטוואָס שפעטער
איך ווייס ניט, ווו מיר וועלן זיין.

עס ליגט די ערד פארלאָזט, פארוויסט,
און מיר אלץ ווייטער, ווייטער שפאנען.
ווער ווייסט, ווי ווייט כ'וועל זיין פונדאנען,
נאָר זיין כ'וועל דאָרטן, ווו דו ביסט.

6

די קאַלך-גריבער בײַ באַגוטשאַר
מיט האַרבסט זײַנען שוין אָנגעגאַסן.
מע האָט די לאָנקעס ניט געקאָסיעט,
מע האָט קיין סטויגן ניט פֿאַרשאָרט.

די קאַלך-גריבער בײַ באַגוטשאַר —
ווי אונדזערע פֿאַרקילטע אויגן.
מע האָט קיין נעצן ניט געצויגן,
מע האָט קיין זעגן ניט געשאַרפֿט.

די קאַלך-גריבער בײַ באַגוטשאַר —
ווי אַ געוויין ניט איבערשרײַען.
מע האָט ניט אָנגעפּילט די שײַערס,
מע האָט קיין טירן ניט פֿאַרשפּאַרט.

די קאַלך-גריבער בײַ באַגוטשאַר —
ווי אין מײַן האַרצן אויסגעגראָבן.
מע האָט שוין ניט געיאָגט די ראָבן —
זיי האָבן זייער שפּײַז דערוואַרט.

7

זיי זײַנען געלאָפֿן מיט אויגן פֿאַרלאָפֿענע,
מיט הערנער פֿאַרפּלאָנטערט אין אומגליק געטראָפֿענעם —
פֿון אייגענער פֿעל ווי זיי וואָלטן אַנטלויפֿן —
פֿון אייגענעם פֿעלד און פֿון אייגענע הויפֿן.

זיי זײַנען געלאָפֿן אין סטאַדעס פֿאַרמאָרעטע
דורך ווייַצענע פֿעלדער, דורך פֿעלדער דורך קאָרענע,
מיט קני און מיט קנאָכן געדראָשן די זאַנגען —
די בײַסיקע זאַנגען, וואָס ווילן זיי פֿאַנגען...

זיי האָבן אין שטויביקע וואָלקנס געשטאָכן זיך,
זיי האָבן די מאָגערע רוקנס געבראָכן זיך.
עס האָט זיי געסאַרפֿעט די מילך די פֿאַרזאָדענע,
א פֿינצטערע היץ האָט געשניטן די אָדערן,
א ווינט האָט מיט מעסערט געקרייצטע געשונדן,
און בלוט האָט געטריקנט אַף שווייסיקע וווּנדן.

8

כ'האָב מיט דער מאַמען זי אַמאָל געזוכט
און, זוכנדיק, די קינדהייט אָנגעוואָרן.
אַזויפֿיל יאָרן
שוין אַדורך!

דאָס קעלבעלע א ב'היימע איז געוואָרן:
פֿלעגט לעקן מיט דער צונג דאָס פֿײַכטע גרעט,
צו זיך אליין אין שטאַל עפּעס גערעדט,
געקוקט אין צעבער מיט די אויגן קלאָרע,
זיך שטילערהייט, אָן אײַלעניש געבעט
(קעדיי די הינער אין דער הייך ניט שרעקן),
און ס'פֿלעגט מיט רו פֿון מילך פֿון אירער שמעקן,
מיט אויסגעשטאַנענער, מיט פֿולער זעט.

ס'האָט מער זי ניט געצויגן שוין אין כוטאָר שטילן —
דאָס היי בּאַ אונדז אין שטאָל איז איר געווען געשמאַק,

און ווען פון קיַיען פלעגט איר מיד ווערן די באַק —
זי פלעגט אַוועק צום טיַיך
און דאָרט מיט מיר באַגליַיך
מיט וואַסער־רייפן שפּילן.

ט

איך האָב דערקענט זי צווישן טויזנט — איינע,
באַם דאָן זיי האָבן אויסגעשטעלט זיך ווילד,
און ס'האָט געדאַכט, אַז יעדע ב'היימע וויל
דאָס וואַסער מיטן קוק אירן פאַרשטיינען

און — טראָגן זייער שרעק אַפּ יענעם ברעג.
איך האָב דערקענט זי צווישן טויזנט — איינע.
מיט פראַגע־צייכנס פון די קרומע ביינער
האָט זי, פּונקט ווי אַ מענטש, בּאַ מיר געפרעגט:

צי וועט זיך ווען פאַרענדיקן דער וועג?
צי וועט מיַין מאַמע קומען היַינט זי מעלקן,
צי האָט מען היי פאַרגרייט — האַלב־פרישן, האַלב־פאַרוועלקטן,
וואָס ביזן פרילינג מיטן זומער שמעקט.

איך האָב מיט פויסטן איר געגלעט די פעל,
און מיטן שטערן איר געקילט דעם שטערן.
אַ פרעמדע ב'היימע האָט געקוקט דורך טרערן...
פון הימל איז אַראָפּ די ערשטע קעלט.

10

איכ וועל דעמ דאָנ אדורכגיינ ווי א וועל,
איכ וועל די בריקנ אלע אונטערציינדנ,
מיט לײַב מײַנעמ די ברעגנ כ'וועל פארבינדנ —
איכ קענ אפ זיכ איצט אויסטראָגנ א וועלט.

אינ קאלכ-גרוב וועל איכ פאלנ ווי א שטיינ
אונ בא דער וואסער-טיפעניש זיכ בעטנ:
די הארטע ערד, די גוטע ערד צעקנעטנ,
עס זאָל אפ איר דער פײַנט ניט קענענ שטיינ.

גענוג פונ היימ פונ כאָרעווער צו גיינ!
ס'וועט קיינער אונדז קיינ נײַע היימ ניט געבנ —
אָט דאָ איז אונדזער טויט אונ אונדזער לעבנ.
צעבײַס דעמ לעצטנ ציטער מיט די ציינ

אונ שטיי.

אונ זוכ זיכ ניט קיינ לײַכטנ טויט.
אונ ווענ עס וועט די שאָ די וויסטע שלאָגנ, —
איז זײַ דער לייב, וואָס ברענגט זײַנ טויט צו טראָגנ
אייניינעמ מיט דעמ יעגערס בלוט אונ הויט.

11

ניט מיט דעמ בלוט, וואָס דו דערפרישסט
א פרײַנט די אָדערנ, ווערסט נאָענט —
מיט בלוט, וואָס איז מיט בלוט געמישט
אפ שלאכט-פעלד, ווערסטו נאָענט.

אונ ניט מיט פײַער, וואָס דו ברענגסט
פונ פרעמדנ שײַטער, ווערסטו נאָענט —
מיט פלאמ, אינ וועלכנ לעבסט אונ ברענסט
אפ שלאכט-פעלד, ווערסטו נאָענט.

כ'האָב ניט געשאנעוועט מײַנ בלוט,
כ'האָב ניט געשפּאָרט אפ נאָכ א זומער.
מײַנ כאווערס גופ האָט אָפּגערוט,
ווענ כ'האָב אימ אפ די הענט גענומענ.

ער האָט מיר גאָרנישט ניט דערציילט —
ס'האָט בלוט געטריפט פונ וווּנד פונ זײַנער,
מײַנ ווײַטע היימ, זאָלסט זײַנ געהיילט
דורכ וווּנד דורכ זײַנער אונ דורכ מײַנער.

דריטער טײל

הײמ

1

מײַנ הײמ — א װינקעלע א קלײנס.
אנ אײפּעלע, װאָס שטעלט די ערשטע טריט,
קענ דורכגײנ דיכ, ניט װערנ מיד,
אפילע אינ געװײנ זיכ ניט פארגײנ.

מײַנ הײמ — פיר סאָסנע-װענט,
פארשניטענע אינ קלעצער ביזנ גרונט,
א דאכ, װאָס קענ באשיצנ פונ דער זונ
אונ פונ א בײזנ האָגל װענ-ניט-װענ.

מײַנ הײמ — א ליכטיקײַט אזא,
א צײכנ פונ מײַנ מאמענ אונ א גרוס,
א נאכטלעגער אפ הארטקײַט פונ א קוסט,
א ביסנ קאָרנ ברויט, װאָס מאכט דיכ זאט.

מײַנ הײמ — מײַנ ריזיק לאנד:
פונ אופגאנג אונ ביז זונ-פארגאנג — דײַנ לענג.
פאר װעלכנ גליק, פאר װעלכער פרײד ביסט ענג?
מיט מילכ-װעגנ נאָר אויסמעסטנ דײַנ ראנד.

2

כ׳האָב אהיימ זיכ געקערט,
ניט ווי ס׳קערט זיכ א פויגל אינ נעסט.
ווענ די נעסט איז צעשטערט,
דער פויגל דעמ בוימ אויכ פארגעסט.

כ׳האָב אהיימ זיכ געקערט,
ניט ווי ס׳קערט זיכ א כוואליע צומ יאמ,
א כוואליע, וואָס ווערט
פארלאָשנ דורכ ברעגיקנ זאמד,
א ריגע באמ ראנד זיכ פארזאמט —
ניט אײנגאנצנ דעמ יאמ שוינ געהערט.

כ׳האָב אהיימ זיכ געקערט.
ניט ווי ס׳קומט א פארוואָגלטער זונ.
ס׳איז מיר קומענ באשערט,
ווי עס קומט צו א קראנקנ געזונט,
מיט בלוט, וואָס דערפרישט איז ביז גרונט,
מיט טריט, וואָס דערפרייענ די ערד.

3

דער ברונעמ געבליבנ איז איידעס צו זאָגנ,
אז דאָ האָבנ מענטשנ געלעבט
אונ וואסער געשעפט
פונ טיפ, ווי ס׳פלעגט קיינמאָל ניט טאָגנ.

ס׳האָט לאנג ניט געקלאפּט אין דעם וואסער דער עמער
און אים ניט צעוודערט ביז דעק.
צום ברונעם דעם וועג
פארגעסן דאָ האָבן די שאָפּ און די לעמער.

די מאָכן זיך האָבן געגליטשט, ס׳האָט דער שימל —
מיט פייערן גרינע געשפּריצט,
נאָר אָפּטמאָל א בליץ
פלעגט נעענטער מאכן צום ברונעם דעם הימל.

און ס׳האָט זיך דער הילצערנער בושל געריסן
אוועק פון פארסארפּעטער ערד,
ווי קיינעם באשערט
איז פון קוועליקער טיף צו געניסן.

נאָר אָט האָט א מענטש זיך דערנע׳נטערט געלאסן,
דעם ברונעם פארטרויט אן „אָהאָ״ —
איך לעב, איך בין דאָ —
מיט וואסער פון ברונעם דאָס פּאָנעם צעוואשן.

4

אין קאלטן אש, אז מע פארזייט א נייע היים,
איז ווי דאָס הארץ בלייבט הזרט דער ערשטער הויפן ליים,
וואָס איז פון טיפסטן ערדן-בראָך ארויסגעריסן.

ווען שווארצער נאָך פון קאָרע איז דיין הויט,
ווער זאָגט, אז ס׳איז דאָס בלוט ניט אזוי רויט

ווי פֿריִער?
כ׳האָב מײַן אייגן בלוט געזען דאָ פֿליסן.

ווען ס׳ווערט די טרער שוין גרעסער פֿונעם אויג,
ווער זאָגט, אַז אַלטע ווייען זײַנען פּונקט ווי דרויג
פֿון פֿיש, פֿאַרגעסענע און אומבאַשיצטע?

כ׳בין דורך מײַן לעבן, ווי אַ ווינט דורך פֿלאַם,
כ׳בין ווי אַ פֿלאַם מײַן טויט אַדורכגעגאַן,
נאָר קינדער־ווײַ געדענק איך נאָך ביז איצטער.

אין קאַלטן אַש, אַז מע פֿאַרפֿלאַנצט אַ נײַע היים,
מע זוכט פֿון אונטער אַש דאָס ביסל ליים
און אין דעם זעלבן אַש מע פֿורעמט ליים און ציגל.

ווער זאָגט, אַז ס׳איז דאָס בלוט פֿאַרקילט?
אַ ליגן.
איך האָב מיט בלוט געשוואָרן, און איך ווייס:
ס׳איז הייס.

5

די ערשטע שויב אַרײַנגעשטעלט —
ניט נאָר באַשיצן זיך פֿון קעלט,
ניט אויסקוקן אַ שטיקל וועלט
אין בלעטער־גרין, אין בלעטער־געל,
אין פֿראָסט און ווינטן אויסגעהעלט.
די ערשטע שויב אַרײַנגעשטעלט —
דערזען עס זאָל די גאַנצע וועלט,

אז ס'האָט אין לעבן ניט פאַרפעלט
דאָס שטעגעלע דאָס גײַס צום שוועל,
דער אָטעם ווארעמער אין פעלד.

6

איך האָב דײַן קיוועך ניט געזוכט,
כ'האָב נאָר געפרעגט, ווו ווײַנט מײַן שוועסטער.
פאַרגיב מיר, וואָס אין שאָ אין שווערסטער
כ'האָב נאָכאמאָל פון פרייד פאַרזוכט:

די פרייד פון ווארעמקײַט אין לײַב,
די פרייד דערזען די זון צום ערשטן,
די פרייד פון זיך אליין באַהערשן.
פאַרגיב, וואָס דאָ ניט לאַנג איך בלײַב.

איך האָב געמאַכט דעם לעצטן שפּאַן.
אין אָט דער ערד, אין ליים אין פראָסטער,
וואָס איז דורך וואָרצלען אויסגעמאָסטן,
ביסטו, מײַן מאַמע, ניט פאַראַן.

איך האָב געצײַטיקט ווי א זוים,
וואָס איז פון ווינט באַשיצט אין באָדן,
מיט זיסטע זאפטן אָנגעלאָדן.
די וועלט געוועזן איז אויסגעטרוימט

פאַר מיר אַזויפיל טויזנט יאָרן,
און גליק האָט מיר שוין אָנגעגרייט

פונ פולער האנט, פונ גרינער בייט
דאָס פאָלק, וואָס איז באפרײַט געוואָרנ.

מע האָט געשריבנ מיר אינ בריוו,
אז דיכ האָט מענ געטייט די לעצטע.
א נידעריטשקע, א געזעצטע —
צו פרי ביסטו געוואָרנ סיוו.

די הענט געוואָרנ זײַנענ לײַכט
פונ שווערער ארבעט, ווי די פליגל.
וואָלסט אויסגעבעט זיכ אינ מײַנ וויגל...
ווי אָרעמ ביסט געווענ אונ רײַכ...

אונ איכ האָב אנדערש וואָס געוווסט?
אינ וועג ערגעצ, אינ שלאָפ אינ שווערנ,
פלעגסט פלוצעמ ווערנ אונ ניט ווערנ,
אנטקעגנ שטיינ אונ ווידער פוסט...

א זעלנער אונ א יאָסעמ אויכ,
איכ האָב די ערד אָט די באטראָטנ
ניט צוליב אופזוכנ דײַנ שאָטנ,
ניט צוליב וויינענ אינ דער הייכ.

געוואָלט א לעבעדיקנ מענטש,
א פרעמדע שוועסטער ערגעצ טרעפנ,
א טיר א נײַע טאָנ אנ עפנ,
ארײַנ אונ זאָגנ: „זײַט געבענטשט!"

7

ווי גידעריק געוואָרנ איז זײַנ כאַטע!
מיסטאמ פונ לאַנגנ שטײנ געוואָרנ מאַט:
זיכ צוגעזעצט דעמ אָטעמ איבערכאַפּנ
אונ אויפשטײנ שוינ קײנ קויעכ ניט געהאַט.

די פײַכטע גראָז צינדנ זיכ אינ פענצטער,
ווי שוועבעלעכ — מיט טויענ אַפּ די קעפּ;
נאַ זייער שײַנ די מורעשקעס די קלענסטע
פאַרטאָג פאַרקריכנ אַפּ די גאַנעק-טרעפּ:

אונ ס'שמעקט פונ אַלע גריבעלעכ אינ קאָרע,
מיט קראָפּעווע עס שמעקט דער אינדערפרי
(דער רייעכ ווערט ניט עלטער מיט די יאָרנ),
אונ איכ בינ גאַנצע עלפּ געווענ ניט הי.

פינפ יאָר איכ האָב זיכ ניט געקענט דערמאָנענ,
אַז רויטער פונ א טראָפּנ בלוט אינ קעלט —
אַפּ דינע פּיסעלעכ דער ווילדער מאָנ איז.
צי וועט ער מיכ דערקענענ אַפּנ שטעל?

א יינגל איז אַמאָל צו אימ געקומענ,
געזוכט א קאַלב, געטרונקענ וואַסער דאָ.
אַזויפיל וואַסער שוינ אַדורכגעשוואומענ
בײַ מײַנע פיס.
אונ אָט איז זי, די שאָ...

8

„גוט-מאָרגנ דיר, דזיאדוליא.“
„א גוט יאָר.“
אונ צווישנ אונדז עס האָט געטאָנ א ווײ
מיט לעבנ-לאנג, מיט אָטעמ-ווינט, מיט שנײ,
וואָס ווײסט פונ פרילינג ניט בא אימ אינ באָרד.

איכ האָב פארנײגט זיכ ניד׳ריק בא דער שוועל,
אונ ס׳האָט געדאכט, ס׳פארנײגנ זיכ די ווענט.
עס האָט דער זײדעניו מיכ גלײַכ דערקענט,
אונ ווי עס וואָלט אימ אָטעמ אויסגעפעלט:

„וואָס שטײסטו, שאָכנ, זעצ זיכ שוינ אוועק.“
ער האָט מיר אָנגעוויזנ אפ דער באנק.
אונ אופגעלויכטנ האָט מיר אינ געדאנק
אנ אנדער מענטש אינ גרויזאמ-שווערע טעג.
ניט זענ וועל איכ אימ קײנמאָל, קײנמאָל מער...

. . . .

א קלײנינק דערפל הינטער טאראשטשא,
אונ א זאווײ א זעכציק-שאָקער אזא,
אז ס׳איז א בריק געווענ געפינענ שווער.

אונ אינעמ הײַזעלע, וואָס ווי א סטויגל הײ,
פונ אומעטומ איז אָפנ פארנ ווינט —
די ווארעמקײַט פונ אויוונ באלד צערינט.
דער אָרדינארעצ אָנ אנ אופהער הײצט.

דעם ברייטן אקסל אָנגעשפּארט
אין אײַזיקן פּארענטש, א וועכטער היט
די מידע, די פּאוואָליעדיקע טריט,
וואָס ווערן אויסגעלאָשן אומדערוווארט
אהינטער וואנט;

און דאָס באקאנטע קאָל,
וואָס פליסט אוועק אין אָדערן פון דראָט
דורך ווינט, דורך הוילן פּראָסטיקן באראָט,
קעדייי אפ מאפּעס ווערן אויסגעמאָלט
אין ראָמביקעס —

פון טאנקען אין א וואלד,
אין רויטע האלבע קרײַזן —

פון א דאָרף,
וואָס דארף פארנומען ווערן,

און פון דאָרט —
אזוי ווי איבער וואסערן א שוואלב —
א גראדע פײַל וועט אָנטײַטן דעם דניעפּ...
און אָט בין איך צו אים ארײַן:
א ביסל שארף פאר שפּעטער נאכט די שײַן,
וואָס פון א פרישער באטארייי זיך שעפּט;
דער מיקראָפּאָן איז נאָך מיט טוי באהויכט —
דער אָטעם האָט דאָרט אָפּגעקילט אָט ערשט;
ס'איז דאָ אזא מין שטילקײַט, אז דו הערסט,
ווי ס'קלינגט אן אָרדען, ווען זײַן ברוסט זיך הייבט,
ווי ס'פּאטשן זיך די שנייען אפ דער פרײַ.

אן אינדערפרי.

א זעכציק-שאָיקער זאווייי.

און לעבן מיר עס שמייכלט דער אַרמיי —
גענעראַל וואַטוטין ניקאָלײַ.

א טונקל-בלאָנדער, פעסט-געזעצטער קאָפּ,
די האָר פאַרשאַרט א ביסל אָפּ א זײַט,
און אויגן — אַזוי נאָענט, אַזוי ווײַט —
גראָע, מיט א קנייטשעלע באַטראָפּט.
„Что слышно, погорелец? Как дела?“
(בא אונדז א סרייפע האָט געשען געקענט:
א פונק געפאַלן איז אָפּן ברעזענט,
וואָס איז געווען מיט ברענשטאָף דורכגעזאַפּט).

ער לאַכט.
ער ווייסט — ס'איז בלויז א שרעק געווען;
מע האָט געוואַלגערט דעם ברעזענט אין שניי,
דאָס אָפּגעברענטע אָרט דערנאָך פאַרנייט.
נאָר סײַוויי וויל ער וויסן: ווי און ווען.

און אָט אַזוי ער פרעגט מיך וועגן אַלץ:
ווער אַרבעט אָפּ דער ראַציע און ווער רוט,
צי עסן די ראַדיסטן מײַנע גוט,
צי האָבן איך עלטערן
און וויפל אַלט...

די ערשטע טרייסט געפונען האָב איך דאַן —
ס'איז פריש געווען אין האַרצן נאָך דער ווײַ.

א גרויסער מענטש איז צוגעגאנ אונ ווייכ
בארירט מײַנ אקסל מיט דער האנט:
„Тужить не надо, лейтенант.“
איכ האָב קיינ טרייסט דאָכ ניט געזוכט בא אימ,
בא אלטיטשקנ, בא אָט דעמ סיווג דעד,
נאָר מיר האָבנ אנ אפדערנאכט גערעדט,
אונ, דאכט זיכ, כ'האָב דערהערט דעמ טאטנס שטימ
אינ אלע ווערטער, וואָס פונ סאמע באָרד —
א ביסעלע פארזאמט, א ביסעלע פארטויבט,
דער אומגעריכטער, שעמעוודיקער הייב
פונ אקסל,

אונ דאָס אופשטייג פונעמ אָרט:
„דו ווייסט, איכ בינ שוינ בא די הונדערט באלד,
נאָר קיינעמ טרעט איכ נאָכ ניט אָפּ מײַנ אָרט:
מיט יונגט גלײַכ בינ איכ געווענ אינ וואלד —
א יונגער זיכ צוריקגעקערט פונ דאָרט.
אזויפיל גוטע שכיינימ ניט דערווישט,
אזויפיל הײַזער אָפּגעברענט, פארוויסט.
איכ גראָב די ערד, אונ ס'ציטערנ די הענט...״

אונ ס'האָט דער אלטער מער שוינ ניט געקענט...

„Ты не тужи, און זײַ א מענטש
אונ קומ ארײַנ — ניט זשאלעווע די פיס —
דײַנ קומענ וועט מיר ליב זײַנ אפּ געוויס...״

אונ זיכ צעווײנט

אונ מיכ געבענטשט...

9

כ׳האָב ווײניק נאָכ געלעבט אפ אָט דער ערד,
איכ זאָל מיט איר ווי מיט א גלײַכנ ריידנ.
א דאנק דיר, ערד, פאר קײנמאָל זיכ ניט שיידנ —
האָסט, ווי א מאמע, מיכ צו זעט גענערט,
אינ ווײַטסטער אינדערפרעמד אפ זיכ געהאלטנ
אונ ניט געלאָזנ פאר דער צײַט א פאל טאָנ
אונ אָפגעבנ א צווייטנ מײַנ געווער.

איכ האָב דיכ ניט באגאָסנ מיט מײַנ שווייס,
כ׳בינ ניט געוועג דײַנ אקערער, דײַנ זייער,
כאָטש, ווי דעמ פויער, פלעגט מיר וויי טאָנ זייער,
ווענ ס׳פלעגט א האָגל ברעכנ דיר דײַנ ווייצ...

איכ בינ מיט הוילע קני דײַנ ווייטעק דורכגעקראָכנ,
ווי שטײנער הארט געוואָרנ זײַנענ מײַנע קנאָכנ,
אונ פונ דײַנ גראָז געטרונקענ כ׳האָב דאָס ביטערס —
פאר זיסער מי פונ קומענדיקע שניטערס.

אפ דײַנע בײַוועגנ, וואָס האָבנ ניט קײנ צאָל,
בא דײַנע וואסערנ, וואָס פירנ צו קײנ ברונעמ,
איכ האָב באצאָלט מיט הייסנ בלוט מיט זוניקס
פאר יענעמ גליקלעכנ, פארשײַטנ ווידערקאָל,
וואָס דו האָסט מיר געשענקט, געדענקסט, אמאָל
פונ דײַנע טיפע כיעסדיקע ווײַטנ,
ווענ איכ פלעג אפ א שטעקעלע נאָכ רײַטנ.

מײַנ ערד, דו בּיסט, אזוי ווי איכ, נאָכ יונג:
אזוינע שווערע פֿאלנ אפֿ דיר שלאקסנ,
אזוינע יונגע זאנגענ זיכ צעוואקסנ
אונ הײבּנ זיכ נאָכ יעדנ פֿרישנ שלונג.

איכ וועל די הענט אינ ווײכקײַט דײַנער קילנ,
איכ וועל דײַנ טווע מאָלנ אינ די מילנ,
כ'וועל דײַנע טשערעדעס אפֿ פֿאשע טרײַבּנ,
כ'וועל דײַנע שוואָמענ אינ די וועלדער קלײַבּנ,
אפֿ דיר, מײַנ ערד, בּיז אײבּיקײַט פֿארבּלײַבּנ,
אזוי ווי אײבּיק שלאָגט דאָס הארצ דער ערדס.

. . . .

טשי טשויעש טי, דזיאדוליא?
מאמע, הערסט?

אפן גרינעם ברעג

(1941—1938)

א לויב

א לויב דעם לאנד, ווו זון און פרייד
באדעקן אונדז מיט ליכט די ברעמען;
א לויב דעם הארץ, וואָס איז זיין ברייט
די פולע פרייד עס קאָן פארנעמען;

א לויב דער פרייַנטשאפט, וועלכע איז
אין לייב-און-לעבן איינגעשלאָסן,
ווי שיין — אין אויג, ווי מוט — אין שפיז,
ווי טרייסט — אין טיפסטע פון פארדראָסן.

א לויב דער האנט, וואָס זייט און דרעשט,
און קוילן האקט, און פורעמט ציגל;
דער ליד, וואָס העכסטע גווורע מעסט
און ווארעם מאכט דעם קינד אין וויגל;

א לויב דער ערד, וואָס יאָגט ניט סטאם,
וואָס טראָגט אונדז צו דעם העלסטן שטערן;
א לויב דעם טייַך, וואָס איילט צום יאם,
קעדיי אין יאם א כוואליע ווערן.

מײַן זיידע

מײַן זיידע איז געוועזן בלינד —
א הויכער ייִד מיט ווײַסע אפּלען,
אז ער פלעגט צערטלען ווען א קינד,
די הענט בא אים זיך פלעגן צאַפּלען.

און זאָגן פלעגט ער אין דער שטיל:
„איך האָב מיט גאָרנישט ניט געזינדיקט,
קינד מײַנס, זען די וועלט איך וויל,
נאָר די אויגן זײַנען בלינד מיר."

אין טיף זײַן בענקשאַפט איז געווען,
ווי אַפן שטערן זײַנע קאַרבן.
זײַן אייניקל — איך האָב דערזען
די גאַנצע וועלט אין אַלע פאַרבן.

א כאסענע אינ קאָלווירט

„זאָגט מיר, זאָגט מיר, גראָזנ פרישע,
שטעלנ ווו וועט מענ די טישנ,

צי אינ וואלד צי אפנ פעלד
אינ אנ אופגעשטעלט געצעלט?

אינעמ וואלד איז דופטיק-קיל,
אונ אינ פעלד איז ליטער-שטיל.

ענטפערנ די גראָזנ פרישע:
„פרעגסט, ווו שטעלנ וועט מענ טישנ?

מינ-האסטאמ וועט מענ זיי שטעלנ,
ווו דעמ כאָסנ וועט געפעלנ.”

„זאָג מיר, זאָג מיר, קלאָרינק טייכל,
וועלכנ אויסדערווײלטנ מײַכל

וועט מענ שטעלנ אפנ טיש:
זיסנ לעקעכ, שארפע פיש,

גענדז, געבראָטנ ווונדער־פייִנ,
אונ פונ קעלער אלטנ וויינ?"

ענטפערט מיר דאָס קלאָרע טייַכל:
„ניט אלצײַנס, וואָס פאר א מייַכל?

כ'לייג מייַנ דעק אייַנ פאר א מאשקנ —
ס'וועלנ רינענ טייַכנ מאשקע,

טייַכנ מאשקע, יאמענ וויינ,
אלטער ווייַנ וועט אויכ דאָרט זייַנ."

„זאָג מיר, ווינט, ניט זייַ פארשלאָסנ,
ווער זשע איז דער רייַכער כאָסנ?

ענטפערט מיר דער בייזער ווינט:
„פרעג אינ גאס בא יעדנ קינד,

וועט ער זאָגנ, ווער דאָס איז;
ער — דער בעסטער טראקטאָריסט."

„איצטער ווייַזט מיר, וואָלקנס אלע,
ווער זשע איז די שיינע קאלע,

וועמענ ווארט דער קראנצ דער בונטער?"
וואָלקנס דונערנ פארוווּנדערט:

„האָסט דענ ניט געהערט איר נאָמענ
צווישנ בעסטע אגראָנאָמענ?"

„איצטער זאָגט מיר אַלע גיכ,
צי פאַרבעטנ וועט מענ מיכ?

כ'בינ א בראַווער, כ'בינ א פלינקער,
אי א טענצער אי א זינגער..."

קלײַבט מענ זיכ צונויפ אינ פּאָר:
גראָזנ-גרינס מיט וואסער-קלאָר,

ווינטל-וויי אונ וואָלקנ-בלוי —
אונ מע ענטפערט מיר אזוי:

„דיכ, אזא מינ גוטנ כאַווער —
אזא יונגנ, אזא בראַוונ —

וועט מענ רופנ אפ געוויס,
זעצנ בא דעמ ערשטנ טיש.

זאָלסט באַגריסנ גלײַכ מיט אַלע
אי דעמ כאָסנ אי די קאַלע."

קאָלווירטישע ליבע־ליד

כ'וועל זיכ זעצנ בא דעמ פענצטער
(כ'ווייס אליינ ניט צוליב וואָס):
ניט עס זאָל מיכ זענ מײַנ שענסטער —
פּאָשעט קוקנ דורכנ גלאָז.

זאָל ער זײַנ דער שענסטער טענצער
אונ דער בעסטער בריגאדיר,
כ'זאָל אימ אויסקוקנ אינ פענצטער,
ניט פאַרדינט האָט ער בא מיר.

כ'בינ אליינ א בריגאדירשע,
ס'ווייסט דער גאנצענער ראיאָנ,
ווי געניט איכ פיר די ווירטשאפט.
וואָס זשע שטייט אימ דאָ ניט אָנ?

וואָס זשע שעמט ער זיכ פאר לײַטנ
זאָגנ מיר אמאָל א וואָרט —
אנ ארטיקל פאר דער צײַטונג
בעט ער אָנשרײַבנ אונ גאָר.

כ'וואָלט ארטיקלענ אימ געשריבנ,
האָט ער שרײַבנ מיר פארשפּאָרט:
אינ דער וואנט-צײַטונג פאר ליבע,
זאָגט ער, איז ניטאָ קײנ אָרט...

כ'האָב זיכ רופנ אימ געקליבנ,
אונ געקומענ איז ער גיכ:
כ'האָב אינ שויב דערזענ מײַנ ליבנ,
אוי, איכ האָב דערזענ גאָר זיכ...

אויב מע ווערט בא דיר זיך פרעגן

אויב מע ווערט בא דיר זיך פרעגן:
זאָג, ווהין עס פירט דאָס שטעגל?

זאָלסטו וויסן וואָס צו זאָגן.
אויב עס פאָרט אַפּ דעם א וואָגן,

פול געפּאקט מיט ווייץ און קאָרן,
פול מיט וואָל געדיכט געשאָרן

און מיט האָניק וונדער-זיס —
קענסט אים זאָגן אַפּ געוויס,

אַז דאָס שמאָלע שטעגל פירט
גלייך אין נאָענטן קאָלווירט.

אויב עס וועלן יונגע שניטער
דורכגיין אינדערפרי מיט לידער

מיט דעם טוי-באדעקטן וועג,
קענסטו זאָגן דעם, וואָס פרעגט,

אז דאָס שטעגל פֿירט אָפּ גלײַך
צו דעם ברייטן דניעפּער-טײַך,

ווו די לופֿט איז פֿריש און גרינג,
ווו דאָס גראָז איז פֿעט און גרינג.

אָבער אויב מע וועט זיך פֿרעגן,
נאָך ווו פֿירט דאָס שמאָלע שטעגל?

דו דערציילֿ ניט, דו באַהאַלט,
אז דאָס שטעגל פֿירט אין וואַלד.

צו דעם הויז פֿון אַלטן וועכטער,
ניט צו אים — צו זײַנע טעכטער.

צו דער שענסטער, צו דער ייִנגסטער,
צו דער קלענסטער, צו דער פֿלינקסטער,

אָט צו דער, וואָס וואַרט אַפּ מיר
יעדן אָוונט בײַ דער טיר...

כ׳ווייס ניט, ווען זאָל איך ליבן

כ׳ווייס ניט, ווען זאָל איך ליבן,
אז כאַסאַנים זײַנען זיבן.

אייגער פון דעם צווייטן בעסער —
שלאַנקער, וווּקסיקער און גרעסער.

ניט איין טאָג שוין, ניט איין נאַכט
אַלץ איך קלער און אַלץ איך טראַכט:

יעדער ווערט, מע זאָל אים ליבן —
אַלע גוטע, אַלע זיבן.

איז אַ כידעש דען, אַ וווּנדער,
וואָס כ׳האָב יעדן ליב באַזונדער?

כ׳וועל זיי אויפקלײַבן איינעם
אַלע גוטע, אַלע שיינע,

כ׳וועל זיי זאָגן: „ליבסטע מײַנע",
כ׳וועל זיי טײַנען: „בעסטע מײַנע,

וואָס איז דאָ א סאכ צו קלערנ:
ווער עס וויל מײַנ כאָסנ ווערנ,

זאָל מײַנ רעטעניש דערקלערנ.
ווילט איר, אלע זיבנ, הערנ?”

. . . .

אוי, א צאָרע, אוי, א צאָרע! —
ס'זײַנענ זעקסענ ניט געוואָרנ.

אונ פונ אלע גוטע זיבנ
איז דער אײנציקער געבליבנ.

צו מײַנ גאנעק פירנ וועגנ

צו מײַנ גאנעק פירנ וועגנ,
פירנ וועגנ אָנ א שיר,
נאָר זאָלסט אויסקלײַבנ דעמ קירצסטנ,
וואָס איז נעענטער צו מיר.

אויב וועסט זענ אינ גאס א מיידל,
ניט פארקוק זיכ אפ איר כיינ,
זאָלסט מיט איר קיינ וואָרט ניט ריידנ —
ריידנ זאָלסט מיט מיר אליינ.

ווענ מיר וועלנ גיינ שפּאצירנ
ביידע אפנ גרינעמ ברעג,
דעמלט זאָלסט, מײַנ טרײַער, זוכנ
פונ מײַנ הויז דעמ לענגסטנ וועג.

דעמלט קענסטו זיכ פארקוקנ
אפ א צווייטער, אפ איר כיינ,
ווײַל דערזענ וועסטו ערשט דעמלט
ווי דײַנ קאלע זעט אויס שיינ.

האָסט פֿאַרשלאָפֿן

כ׳וועל דיר זאָגן פֿראָסט און אָפֿן:
דו ביסט צופֿיל הײַנט געשלאָפֿן,

דו האָסט צופֿיל הײַנט גערוט —
איבעריקע צען מינוט.

און עס טוט דיר גאָרניט זאָרגן,
וואָס געקומען איז דער מאָרגן

אױף זײַן דורכזיכטיקער שיף,
שווימענדיק אין הימל-טיף.

ניט געהערט האָסטו דאָס קומען
פֿון דער בין, וואָס האָט אױף בלומען

מיט א הייזעריקן זשומען
קלײַבן האָניק זיך גענומען.

דו האָסט ניט געהערט מיסטאמע,
ווי עס שפּאַנט דײַן גוטע מאַמע,

וואָס האָט ניט געקענט פאַרשטיין:
אופוועקן דיך אָדער ניין?

אָבער אויך דעם סאַמע איקער
(ס'רײַסט דאָס האַרץ זיך מיר אַף שטיקער) —

האָט דײַן שלאָף פון דיר פאַרדעקט,
פונעם זינען אויסגעמעקט:

ס'איז געווען בײַ דיר דײַן ליבער,
שטילערהייט די שוועל אַריבער

צו דײַן בעטל צוגעשפּאַנט,
דיך גענומען בײַ דער האַנט.

און קעדיי דעם שלאָף ניט שטערן,
גאָר אַ קוש געטאָן אין שטערן

און אַרויסגעגאַן פון דיר,
קוים פאַרמאַכנדיק די טיר.

ניט ווי האָגל

עס האָט דער ווינט מיר אָנגעזאָגט,
כ׳זאָל לאָזן אָפן היינט די לאָד.

עס האָט דער ווינט א נייס געבראכט,
אז קומען וועט זי היינט באנאכט.

איז וואָס זשע זאָל איך טאָן אצינד?
וואָס זאָל איך ענטפערן דעם ווינט?

און טאָמער גייט א רעגן היינט —
דורך אופגעפראלטער לאָד אריין,

דורך פענצטער אָפענעם, און גלייך
עס ווערט אין שטוב בא מיר א טייך...

און עפשער וועט א האָגל גיין —
קלאָרע שטיקלעך מירמל-שטיין...

האָב איך געזאָגט דעם גוטן ווינט,
אַז ער זאָל אָנזאָגן געשווינד,

אַז ער זאָל אײַנרוימען אַ סאָד:
אַז עפּענען זאָל זי די לאָד,

אַז ניט ווי האָגל — כ׳וועל ווי שנײַ
צו איר אין פענצטער הײַנט אַרײַן...

א פארדראָס

זעט איר, אונדזער הויזגעזינד
האלט מיכ אלצ נאָכ פאר א קינד.

כ'ווייס אליינ ניט גוט פארוואָס,
אָפט נעמט אָנ מיכ א פארדראָס:

מײַנע שוועסטער, ווענ זיי רייַדנ,
קענ מענ דאנ זיי ניט צעשיידנ,

אָבער ווי איכ קומ נאָר צו —
שטעלט זיכ אײַנ א טויטע רו.

פונקט ווי כ'ווייס ניט, וועגנ וואָס
ריידנ זיי דאָרט אונטער נאָז.

ווענ איכ שטעל אַרײַנ א וואָרט,
פרעגט ניט, וואָס עס טוט זיכ דאָרט.

ווי פֿארגעסן וואָלט מען גאָר,
אז מיר איז שוין זעכצן יאָר.

ס'איז מײַן קערפּער פֿעסט געבויט,
ווי פֿון בראָנזע איז מײַן הויט,

ס'זײַנען מײַנע אַקסלען ברייט,
גאָרניט נאריש מײַנע רייד.

ווייס איך ניט, פֿאר וועלכע זינד
האלט מען אלץ מיך פֿאר א קינד...

א מיידעלע אין סטעפּ

א מיידעלע געגאַנגען איז אין סטעפּ,
א קליינינק מיידעלע אין גרויסן סטעפּ,
נאָך איר האָבן זיך גרעזעלעך געשלעפּט,
צו אירע פיס האָבן זיך בלימעלעך געקלעפּט.

ס'טראָגט דאָס מיידעלע א קרוג אין האַנט,
בייגט פון שווערקייט זיך בא איר די האַנט,
און די בלימעלעך זיי צערטלען זי מיסטאָמ,
ווייל וואַסער איז אין קרוג בא איר פאַראַן.

וואַרט דער פאָטער און דער ברודער אויך
אפן מיידעלע און אפן וואַסער אויך,
ווייל פון דער ערד און ביז דער טיפער הייך
ציט די היץ זיך ווי א גרינער רויך.

וואָס זשע טוט א מיידעלע אין סטעפּ,
א קליינינק מיידעלע אין גרויסן סטעפּ?
צווישן גרעזעלעך און בלימעלעך זי טרעט
און פרעגט זיי און רעדט צו זיי און רעדט.

צום ערשטנ מאָל אינ צעכ

שווערע רעדער רודערנ,
שטאָל זיכ שנײַדט אינ שטאָל.
שרעק זיכ ניט, מײַנ ברודערל,
כ׳הער דאָכ גוט דײַנ קאָל.

ס׳יאָגנ פלינקע רעדעלעכ —
ענג איז זיי די נעסט;
פעטע שווייס אפ יעדערנ,
ברודערל, דו זעסט?

אײַלנ איינס צום אנדערנ,
טרעפנ צאָנ אינ צאָנ,
קרײַזנ זיכ אונ וואנדערנ —
אלע שטארק פארטאָנ.

יעדעס מינדסטע שרײַפעלע
צו א צווייטנ ציט,
אונ דאָס שארפע שלײַפערל —
סאמע אינ דער מיט.

זע: א יונגינק באָכערל
אינעם צעכ דאָ שפאנט,
יאָמטעווודיק און וואָכעדיק
זײַנ פארשמירטע האנט.

גייט אום שטיל און שעמעוודיק,
ווו א בליק ער ווארפט,
פאלט א קלוגינק העמערל
דעמלט, ווענ מע דארפ.

ס׳פינטלענ דײַנע אייגעלעכ
פונ דער העלער שײַנ?
ווערסט דאָ ווי אנ אייגענער
איננ די צעכנ זײַנ.

ס׳וועלנ רעדער רודערנ,
יאָגנ נאָכאנאנד —
פונ מײַנ קליינעם ברודערל
צו מײַנ גרויסנ לאנד.

צו דעם פייגעלע

ס'איז דײַנ מײַלכל נאָכ אי ווייכ אי געל,
פונ זיכ אליינ צו ערד עס טוט זיכ ציִענ,
נאָר דײַנע פליגעלעכ — זיי פאָכענ שנעל —
דו ווילסט אינ הימל זוניקנ פארפליִענ.

דער מינדסטער צאפל פונעם ווינט
ווארפט אומ דיכ ווי א פעדער אפ מײַנ דלאָניע.
עס זײַנענ דײַנע אויגנ שוינ ניט בלינד,
אז אפ דער שײַנ דו זאָלסט ניט קוקנ קאָנענ.

דו טוליעסט זיכ מיט צארטנ לײַב
אונ עפנסט אופ דאָס מײַלכל אפ צו שרײַענ,
נאָר ס'איז דײַנ מאמע איצטער פונ דיר ווײַט.
אונ עפשער ביסטו איר שוינ מער ניט טײַער?

איכ וועל באשיצנ דיכ פונ ווינט
אונ פונ דער זונ, וואָס עגבערט דײַנע וויִעס,
באהאלטנ ווי א פיצל קינד,
נאָר זע, דו זאָלסט צו מיר אמאָל פארפליִענ.

טויבן

ניט ווײַט אפּ א דאך,
אפּ א שטיבל א לעצט,
טויבן זיך האָבן
אנידערגעזעצט.

געפּלויגן אינײנעם,
געזעצט זיך אין פּאָר
ווי שנייעלעך צוויי
בא מיר אפּ די האָר.

און פּלוצעם עס טוט מיך
פון אָרט אזא הייב,
און אומרויִק כ'ווער
ווי א זונ-האָז אין שויב.

פארוואָס האָבן זיי
זיך געזעצט אָט-אָ דאָרט?
בא אונדז אפּן דאך
איז דען ווייניקער אָרט?

פון פעדערן וואָלט איך
א נעסט זיי געבעט,
די הענט כ׳וואָלט צעוואשן
און וואָלט זיי געגלעט.

און טויען כ׳וואָלט ברענגען זיי
פרישע און קילע,
און קערנדלעך גאָלדענע —
וויפל זיי ווילן.

איך הער אוף צו שפילן,
כ׳בלײַב זיצן פארטראכט:
ווײַזט אויס, עס איז ליב זיי
דער אייגענער דאך.

באַלאַדע

מיט א טומל, מיט א ראַש
פאָרן רײַטער איבער גאַס.

פאָרן רײַטער, און זיי פירט
זייער יונגער קאָמאַנדיר.

אונטער אים דאָס הייסע פערד
רײַסט מיט קאָפּיטעס די ערד,

און עס שלאָגט פון אים א שוים,
נאָר עס האַלט אים שטאַרק די צוים.

זאָגט דער יונגער קאָמאַנדיר:
„כעוורע, וואַרט דאָ צו אף מיר,

כ׳וועל פון אײַך ניט ווײַט אוועק,
נאָר צום שטיבל, וואָס באַם וועג.”

שטעלן רײַטער אָפּ די פערד,
בייגן זיך אין זאָטלען שווער,

און פאַרטרוימטערהייט מע שפּירט,
ווי עס גייט דער קאָמאַנדיר.

ס׳גייט דער קאָמאַנדיר פאַרטראַכט,
זײַנע אויגן — שוואַרץ ווי נאַכט.

שטעלט זיך אָפּ בײַ יענעם הויז:
„ליבסטע מײַנע, גיי אַרויס,

עפן אויף די שווערע טיר
פאַר דײַן יונגן קאָמאַנדיר.״

ס׳טוט דער פאָרהאַנג, ווי אַ טויב,
לײַכט אַ פלאַטער אָפּ דער שויב.

ס׳קוקט אַרויס אַ שיינער קאָפּ —
ס׳פאַלט דאָס פאָרהענגל אַראָפּ.

איין מינוט — און שוין מיט ברען
דריקט מען ביידע זיך די הענט

און מע קושט זיך מיט געפיל...
(רײַטער ווינקען אין דער שטיל).

„ליבע מײַנע, כ׳פאָר אַוועק,
לאַנג און בלוטיק איז דער וועג.״

ס׳ווערן אירע אויגן פײַכט,
ס׳טוען טרערן זיך אַ לײַכט.

„כ׳בעט דיך, טײַערע, ניט װײנ,
װידער קומען כ׳װעל אהײם.

כ׳קען ניט שטארבן אין דער פרעמד
(און ער האָט זיך אָפּגעװענדט) —

ס׳װארטן רײַטער דאָרט אף מיר.״
„גוטער, ליבער קאָמאנדיר!״

ארום גאנעק בא די טרעפּ
בײמער שאָקלען מיט די קעפּ,

פאָכען מיט די צװײַגן שנעל.
רײַטער יאָגן איבער פעלד.

יאָגן רײַטער, און זײ פירט
זײער יונגער קאָמאנדיר.

גיי מיר אויס א טיכעלע

גיי מיר אויס א טיכעלע
מיטן דינסטן האפט,
כוץ דעם קליינעם טיכעלע
גאָרניט איך באדארף.

זאָלן זיך צעזעגענען
הארץ מיט הארץ אָן ווייַ —
זעסט: איך גיי א פרייַלעכער
אין דער רויטארמייַ.

אויב עס איז דיר אומעטיק,
אויב דו האָסט מיך ליב,
אויב די טרערן שטיקן דיך —
דו פארבייַס א ליפּ.

נעם דייַן גאנצע ווארעמקייַט
און מיט נאָדל־שארף
גיי אויס אפן טיכעלע
מיטן שענסטן האפט.

כ'וועל דאָס ליבע-טיכעלע
מיטנעמען אין שלאַכט,
ס'וועט דאָס קליינע טיכעלע
העלפן מיר א סאַך.

ס'וועט פון יעדעס קווייטעלע
ווערן אזוי גוט...
נאָר עס קען דאָס טיכעלע
רויט ווערן פון בלוט.

זאָלסטו דאמאָלט, טײַערע,
אופזוכן מיך שנעל,
דאָס פארבלוטיקט טיכעלע
נעמען פון שינעל.

פונעם רויטן טיכעלע
ווערן וועט א פאָן —
וועל איך ווידער אופלעבן,
ווארפן זיך אין קאָן.

אוי, אין סטעפּ אין ברייטן

אוי, אין סטעפּ אין ברייטן,
צווישן הויכע גראָזן,
האָט טשאַפּײַ די לייצעס
פרײַער אָפּגעלאָזן.

ציט זיך אויס, איר, וועגן,
גלײַכער פון א ווירע!
ווײַל טשאַפּײַ קיין רעגע
טאָר דאָ ניט פארלירן.

ס'ווארטן בראווע רײַטער,
ס'ווארטן יונג און זאָקן,
אז טשאַפּײַ זאָל קומען,
קומען און זאָל זאָגן:

„זקיינים מײַנע ליבע,
אָדלערס מײַנע יונגע,
ס'האָבן שוין די פערדלעך
אײַערע געטרונקען?

ס׳זייַנענ שוינ די פערדלעכ
אייַערע געזאָטלט?
האָט איר אינ די טאשנ
פולווער אָנגעשאָטנ?

זעצט זיכ אפ די פערדלעכ,
אינ דער הייכ די פיקעס,
אונ א שטויב א גראָער
זאָל נאָכ אייַכ זיכ וויקלענ!״

אוי, אינ סטעפ אינ ברייטנ,
צווישנ הויכע גראָזנ,
האָט טשאפּייַ די שטייַפע
לייצעס אָפּגעלאָזנ.

דער זאפּעוואַלע

פאָרן ריַיטער מידע
איבער פעלד פארקלערט,
ציט מיט טערפּקער זיסקייַט
פון דער פעטער ערד,

טוט דאָס הארץ א ציטער,
טוט דאָס פערד א שפּאַן...
גוט, וואָס בא די ריַיטער
איז א ליד פאראַן.

און דער זאפּעוואַלע
טוט א הייב זיך שנעל,
און זיַין ליד די בראַווע
ברייט איז ווי דאָס פעלד.

כאַפּן אונטער ריַיטער
די באַקאַנטע ליד,
נאָר דער זאפּעוואַלע
זינגט שוין עפּעס ניט...

צו דער שוואַרצער גריוע
ברייזט זיך, בייגט זײַן קאָפּ,
שטילערהייט ער גליטשט זיך
פונעם פערד אַראָפּ.

שטעלט דאָ אָפּ טשאַפּײַעוו
דאָס פאַרשוויצטע פערד,
אַפּ די קני ער נידערט
צו דער פײַכטער ערד,

פונקט ווי אים געטראָפן
האָט די ווייסטע קויל,
קושט דעם זאַפּעוואַלע
אינעם קאַלטן מויל.

און מיט לעצטן פיבער,
און מיט שטילער פּײַן
גייט די ליד אַריבער
אים אין האַרץ אַרײַן.

פּאָרן רײַטער ווײַטער,
הילכט א ליד אַפּסנײַ,
און דער זאַפּעוואַלע
איז אַליין טשאַפּײַ.

ליד וועגן קאָטאָווסקין

סטעפּעס אוקראַינער,
מאָלדאַוואַנער ערד.
טראָגט זיך אום קאָטאָווסקי
אַף זײַן ווײַסן פערד.

ווי דער פײַנט דערהערט נאָר,
אַז ער פליט גאַלאָפּ,
ווי דער פײַנט דערזעט נאָר
זײַן געגאָלטן קאָפּ —

פאַלט אַף אים אַן איימע,
אוי, אַ פּאַכעד פאַלט,
נאָר קאָטאָווסקיס סאַבליע
יאָגט אים אָנעט באַלד.

וווּ ער זאָל ניט קומען,
וווּ ער זאָל ניט זײַן,
טראָגט מען אים אַנטקעגן
פולע קריגלעך ווײַן.

יעדערער פארבעט אים:
„קומט אריין צוגאסט,
ירן אייך באגלייטן
מיט דער ברייטסטער גאס.״

טוט ער קלוג א שמייכל:
„בעסער מיך באגלייט
מיט א גאס א שמאָלער
און באגעגנט ברייט.״

סטעפּעס אוקראַינער,
מאָלדאַוואַנער ערד,
זיי האָבן געזען אים
און זיין קאָל געהערט.

די מאמע זאָגט

דו האָסט געזען אין קוזניע וועג,
ווי ס׳קנעטן אײַזן צוויי פּאָר הענט?

דאָס העמערל באַווײַזט וווהין,
דאָס אײַזן ווי איז ווייך און דין.

דערנאָך — אין פונקען אײַנגעפּאסט —
דער גרויסער האמער פאלט מיט האסט.

אָט פונקט אזוי פון טאָג צו טאָג
א קליינע זאָרג אין הארצן נאָגט,

און נאָכדעם פּלוצעם טוט א שלאָג
די שווערע פּלאָג מיט גאָר איר וואָג.

און ס'ענטפערט דער זונ

אינ טאָג, ווענ ס'וועט א שאל טאָנ דער טרומייט,
אונ ס'וועט דער הימל נידעריקער ווערנ,
ניט פרעג מיכ, מאמע, דאנ, ווּהינ מע גייט,
אונ זאָל דיינ אויג ניט טרייסטנ זיכ מיט טרערנ.

דעמ זונ דייַנעמ וועט זיינ ניט שווער פארשטיינ,
ווי שווער איז זיינ א מאמע פונ א זעלנער.
איכ ווענ צומ ראנד פונ לעבנ כ'וועל דערגיינ,
פארבלייבנ וועל איכ אומעטומ דער זעלבער.

מיינ שטייפער טראָט וועט גיינ מיט דייַנעמ גלייַכ
דורכ אלע אומגליקנ, דורכ טויזנט טויטנ.
מיינ פערד באַזוכנ וועט דיינ שטילנ טייַכ
אונ וועט דאָס קלאָרע וואסער ניט צעבויטענ.

עס וועט זיכ אָנטרינקענ ווי נאָכ א שלאכט,
מיכ וואַרטנדיק, זיכ פיטערנ באמ פלאנקענ.

איכ וועל אינ שטוב ארײַנ — ניט טאָג, ניט נאכט —
פונ פולנ הארצנ דיכ פאר אלצ באדאנקענ.

דערפאר, ווענ ס'וועט א שאל טאָנ דער טרומייט
אונ ס'וועט דער הימל נידעריקער ווערנ,
דו בעסער זאָג: נו, גיי געזונטערהייט,
אונ אינ א גוטער שאָ דו זאָלסט זיכ קערנ.

אינהאלט

ווענ יוגנט גייט אינ שלאכט

באנאכט 5
אָנהייב אטאקע 6
דאָס פערד 8
ווענ יוגנט גייט אינ שלאכט . 9
מיר זײַנענ געגאנגענ . . 11
רידנא אוקראינא 13
פארבײַגייענדיק 15
מיר וועלנ זיכ קערנ . . . 17
אפ שנייִקנ פעלד 18
א נאכט באמ דניעפּער . . 21
צוואנציק יאָר 23
אכט מעסלעס 25
אומשטערבלעכקײַט . . . 27
אינ מארש 29
דאָס באָכערל פונ לאנצוט . 31
מיר האָבנ געשוואָרנ . . 32
דער בעכער איז פול
ווי אנ אויג 33
בערלינ ניט ווײַט איז . . 35
מײַנ נעקאָמע איז געריכט . 37
דעמ פרײַנט פונ גנטאָ . . 39
אינ א דײַטשנ בירהויז . . 41
ערגעצ לאָזט 44
אינ בודאפעשט 45
פאָרט פונ פראָנט אהיימ
א זעלנער 47
צוריק אהיימ 49
א באלאדע וועגנ דער
רעכטער האנט 51
ווינטער־באלאדע 54

פריוואלנ

דיכטונג 59
א ליד 60
שײַטערל 61
הונדערט שנייענ וועלנ ווייענ . 62
אפ ליזשעס 63
ערשטער פראָסט 64
ווענ איכ וועל טאָג א פאל
אינ גראָז 65
דיר 66
ווענ דו וועסט שענקענ מיר
א זונ 67
איכ וועל קיינ נאָמענ דיר
ניט געבנ 68
איכ האָב אינ מײַער זיכ
געהילט 69
עס לעבט 70
קינדהײַט 71
זוניקער מאזל 72
פרילינג 73

לעבנ, זײַ געבענטשט!

ערשטער טײל — קינדהײט · 77

צװײטער טײל — מילכאָמע · 87

דריטער טײל — הײמ · · 98

אפנ גרינעמ ברעג

א לױב · · · · · · 113

מײַנ זײדע · · · · · · 114

א כאסענע אינ קאָלװירט · 115

קאָלװירטישע ליבע-ליד . · 118

אױב מע װעט בא דיר
זיכ פרעגנ · · · · · 120

כ'װײס ניט, װעמענ זאָל
איכ ליבנ · · · · · 122

צו מײַנ גאנעק פירנ װעגנ · 124

האָסט פארשלאָפנ · · · 125

ניט װי האָגל · · · · · 127

א פארדראָס · · · · · 129

א מײדעלע אינ סטעפּ · · 131

צומ ערשטנ מאָל אינ צענ · 132

צו דעמ פײגעלע · · · · 134

טױבנ · · · · · · · 135

באלאדע · · · · · · 137

נײַ מיר אױס א טיכעלע · 140

אױ, אינ סטעפּ אינ ברײטנ · 142

דער זאפּעװאלע · · · · 144

ליד װעגנ קאָטאָװסקינ · . 146

די מאמע זאָגט · · · · 148

אונ ס'ענטפערט דער זונ · 149

Редактор *Ш. Ройтман*. Техред *Ф. Фрумкина*.

Сдано в производство 15/VII-47 г. Подписано к печати 3.IX-47. А —00183.
Печатных листов 4 3/4. Учетно-издат. л. 3,22. Тираж 4.000. Формат бум. 70x108 1/32.
Заказ 105.

Типография Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский, 1.